START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring

150mm

6"

LINE

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Kodak

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2004-1892.7

Fabrikant, Michael.
R. Akiva un Rohl : historishe opereta in fier akten.
Brooklyn, N.Y., 1925.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004-1892.7

Fabrikant, Michael.
R. Akiva un Rohl : historishe opereta in fier akten / fun Mikhal Fabrikant.
Brooklyn, N.Y. : Samuel Wiener, 1925.
Varying form of title: Rabbi Akibah and Rachel.
66 l. ; 28 cm.

1. Akiba ben Joseph, ca. 50-ca. 132. 2. Operetta. 3. Yiddish drama.--lcsh
I. United States-New York-New York

ID : NXYH01-B17289 CC: 9114 DCF:
[HBR]
CALL #: /9493

Reduction ratio X 10.0

2/

ר" עקיבא און רחל

היסטארישע אפערעטע אין 4 אקטען

פון

מיכאל פאבריקאנט

RABBI AKIBAH AND RACHEL

A Historical Operetta
in 4 Acts
By MICHAEL FABRIKANT

CENTRAL JEWISH LIBRARY & PRESS ARCHIVES

2/9493

RABBI AKIBAH AND RACHEL
A Historical Operetta
in 4 Acts
By MICHAEL FABRIKANT

CENTRAL JEWISH LIBRARY & PRESS ARCHIVES

ר״ עקיבא און רחל

היסטארישע אפערעטא אין פיער אקטען

פון

מיכאל פאבריקאנט

2/9493

פערזאנען:

כלבא שבוע, רייכער אידישער מאגנאט אין ירושלים,	50 יאהר אלט
רחל, זיין איינציגע טאכטער	20 יאהר אלט
עקיבא, זיין הויפט פאסטוך, שפעטער רחל׳ס מאן,	30 יאהר אלט
נחמה, זייער טאכטער	
יעזפוס, א מיטגליעד פון סנהדרין,	
אלעזר, א בארימטער כהן	
אלישע, רחל׳ס געטרייער דיענער	24 יאהר אלט
אלישבע, רחל׳ס קאמער מיידעל, אלישע׳ס געליעבטע,	18 יאהר אלט
ר״ נחום איש גם זו, א בארימטער תנא,	70 יאהר אלט
ר״ יוחנן בן זכאי, ראש הישיבה	60 יאהר
ר״ אליעזר בן הורקנוס, זיין תלמיד	
ר״ יהושע בן חנניה	
אנטיגנוס, איינער פון די בחורי ירושלים	18 יאהר אלט
פלאראס, רוימישער גענעראל גובערנאטאר איבער פאלעסטינא	
עזריה, עזרה, חזקיה, חנניה, פאסטוכער ביי כלבא שבוע	
פאסטוכער, פאסטושקעס, מענטשן, טענצערינס, סאלדאטען, בחורים,	
עקיבא׳ס תלמידים און פאלק.	

ארט דער האנדלונג — ירושלים.

צייט דער האנדלונג — אומגעפעהר זיבען יאהר פאר דעם צווייטען חורבן ביז אכצעהן יאהר נאך דעם חורבן.

Copyright by SAMUEL WIENER 1925.
321 Stone Avenue,
Brooklyn, N. Y.

CENTRAL JEWISH LIBRARY & PRESS ARCHIVES

CENTRAL JEWISH LIBRARY & PRESS ARCHIVES

ע ר ש ט ע ר א ק ט

א הײסער זומער טאג. אויף א האלב גרײנער לאנקע זעהט מען פון װײטענס פארשײדענע געפײת. רעכטס זעהט זיך קוים ארוים די שטאדט ירושלים. פארענט— אײניגע קאלאניעס. פארענט, אונטער א גרויסען פאלמענבוים, זיצען פיער פרעמיער פאסטוכער. רעכטס, הינטער זײ, אײניגע פאסטוכער. לינקס— אײניגע פאסטושקעס.

ק א ה ר :

מיר פאסען, מיר װײדען פארשײדענע פיה
מיר שװיצען, מיר לײדען, שװער איז אונזער מיה.
מיר װאנדערען, מיר זוכען פאשע פאר די פיה.
מיר לויפען, מיר קריכען, מיר האבען קײן רוה.

אנפיהרער:

און פאר װעמען?

א ל ע :

פאר בן כלבא.

אנפיהרער:

װאס ער פארמאגט

א ל ע :

א װעלט א האלבע!

פאסטושקעס:

דערפער, פלעצער— הײזער, שלעסער
טעגליך װערט ער — רײכער, גרעסער.

אנפיהרער:

אבער װאס פארמאגען מיר?

א ל ע :

דלות, דלות אהן א שיעור.

אנפיהרער:

וואס עסן, טרינקען מיר?

א ל ע:

ניט קײן פלײש, קײן װײן, קײן ביער.

פאסטושעס:

אפגעריסן, אפגעשליסן, ברויט מיט וואסער אונזער ביסן,
אפגעמוטשעט, אפגעמאטערט, אבי נאר דעם טאג געפאטערט.
(אלע בים)

ק א ח ר:

מיר יאגן, מיר שלאגן, חיות רעות א סך.
מיר טרײבן, מיר הויבן די שאף וואס ווערט שוואך.
מיר שטײגן, מיר בויגן דעם קאפ וואס מוז זײן וואך.
װי טרויעריג, מיט זארג, איז אונזער שעפער פאך.

אנפיהרער:

און פאר וועמען?

(און אזוי װײטער)

די פרעמיער פאסטובער שטעהן אויף.

ע ז ר י ה:

אבער וואס זאגט איהר ניט צו אונזער עקיבא'ן? ווי שנעל ער האט זיך ארויסגעבאפט?

ע ז ר א:

פון אונזער קלענסטען קאמעראד אויף אונזער באפעהלער.

ח נ נ י ה:

דערצו גאר א גאנצער װײסער, א מוטער זאגער.

ח ז ק י ה:

מען מוז אבער מודה זײן, אז ער איז א פעהיגער מענש, דערצו נאך בראוו און גוט. האט ער וועמען פון אונז אמאל א שלעכט ווארט געזאגט? איהר האט שוין, ווי איך זעה, פארגעסען דעם שמאלצען יחונן, וואס האט אונז נאר געזידעלט, געיאגט און געפלאגט.

ע ז ר י ה :

דאס געדענק איך גוט, דאך איז ניט אנגענעהם צו פאלגען אזא איינעם, װאס איך אליין האב מיט מיין שטעקען געשלאגען.

ח נ נ י ה :

און איצט איז ער זיך אין דיר נוקם?

ע ז ר י ה :

דאס גראד ניט. אבער פאר דער גרעסטער נקמה האלט איך דאס, װאס איך מוז זיין מאראל אויסהערען.

ע ז ר א :

אבער װי העלדיש ער איז!

ח ז ק י ה :

יא, א העלד איז ער שוין איינמאל! אין מיין געגענװארט האט ער נעכטן צװעלף װעלף געטויטעט.

ע ז ר א :

און דעריבער האט איהם כ ל ב א ש ב ו ע אלס הויפט הירט באשטימט.

ע ז ר י ה :

און איך װייס אז די שעהנע רחל האט דא פיעל געװירקט.

ח נ נ י ה :

האט איינטערעסירט עס דען זי?

ע ז ר י ה :

און איך װעל אייך עפעס בעסערס זאגען. װי מיר שיינט (קוקט זיך ארום) װי מיר שיינט...

ח נ נ י ה :

נו, זאג שוין אמאל אויס דעם סוד!

ע ז ר י ה :

האט ער גאר נושא חן געװען ביי אונזער הערר'ס טאכטער.

א ל ע :

ביי דער שעהנער רחל?

ע ז ר י ה :

טאקע ביי איהרן

ח נ נ י ה :

פון חאנען חײסט עס?

ע ז ר י ה :

פון חאנען איך חײסט כא, כא, כאז איך זאל ניט חיסען? חען איך זאג, חײס איך. לעצטענס האב איך באמערקט, חי זי אינטערעסירט זיך זעהר מיט איהם.

ח נ נ י ה :

חי אזוי?

ע ז ר י ה :

גאנץ אײנפאך. לעצטענס שפאצירט זי זעהר אפט אין דער געגענד און חיל זיך אלץ טרעפען מיט איהם.

ח נ נ י ה :

מיט חעמען?

ע ז ר י ה :

דאס חײסט מיט חעמען? מיט דעם שעהנעם עקיבאן איך שחער בײ גאט, אז זי האט שוין מיך אלײן שוין אײניגע מאל געפרעגט אויף איהם.

ע ז ר א :

מערקחירדיג, חי אלע ליעבען און שעצען איהם!

ח נ נ י ה :

געחיס איז ער דאס חערטה.

ע ז ר י ה :

איז דאס אמת, אז די שעהנע רחל האט שוין א חתן?

ע ז ר א :

קײן חתן נאך ניט, אבער לויט חי מען זאגט שדכנ'ט זיך צו איהר דער באריהמטער יוסיפוס.

ח נ נ י ה :

און איך חײס אז דער באריהמטער כהן, אלעזר בן חנניה, חיל זי.

ע ז ר י ה :

און נאך דעם אלעמען חיל זי זיך טרעפען מיט דעם פאסטוך עקיבא.

חנניה:

נארישקײטען! זי דארף איהם מסתם װעגן עפעס א שליחות.

עזרא:

מעהר װי זיכער-- רחל די שעהנע איז אויך רחל די קלוגע.

עזריה:

אך, װי שעהן זי איז! (קוקט אויף לינקס. פויזע. מען באמערקט עקיבא'ן פון דערװײטענס, לינקס) שטיל, קאמעראדען, אט געהט ער.

אויפטרײט עקיבא, געקלײדט אלס חויפט הירט. אויף דער לינקער זײט א הירטען-זעבעל, מיט א גראבען שטעקען אין האנט. אלע שטעהען אויף.

עקיבא:

נו, ליעבע קאמעראדען, װאס מאכט איהר גוטס? װאס מאכען אונזערע שעפעלאך? (קוקט צום געפית) האבען זײ דא גענוג פאשע?

עזריה:

יא, בעסטער הויפטמאן. אין דער געגענט װעט נאך זײן פאשע אויף עטליכע טעג. אויסער דעם איז מען דא זיכערער פון די בײזע װעלף.

עקיבא:

צום באדויערען, אבער, װעלען מיר מוזען פון דאנען אפטרעטען.

עזריה:

װארום דען?

עקיבא:

װײל לוים איך האב געהערט דארף דא הײנט בײנאכט א באנדע װעלף דורכגעהן.

אלע:

א באנדע װעלף!

עקיבא:

נאך ערגער װי װעלף. די רוימישע סאלדאטען דארפען דא דורכגעהן. מען מוז דעריבער באצײטענס די שאף פון דאנען אװעקטרײבען, אז נים װעלען די סאלדאטען זײ אויסשעכטען.

ח נ נ י ה :

װאס טויגן אונז דען נאך סאלדאטן? װעניג רוימישע סאלדאטן האבן מיר?

ע ק י ב א :

דו האסט פארגעסן, אז מארגן איז חמשה עשר באב, א אידישער יום טוב, און עס װעט מארגן טאנצן אין די גערטנער די אידישע יוגנט. די גאסן װעלן פול זײן מיט מאסן מענטשן. האבן די רוימער מורא, אז עס זאל ניט אויסברעכן א אידישער אויפשטאנד קעגן זײ.

ח ז ק י ה :

װאו זשע װעלן מיר מארגן פאשען?

ע ק י ב א :

אויף דער צפון זײט, (װײזט אויף לינקס) הינטער רחל׳ס קאלאניע. דארט, שײנט מיר, װעלן מיר זײן זיכער און אזוי װי מארגן איז בײ אונז דער פרײער יום טוב װעלן מיר, די עלטערע הירטן, בלײבן אויפ׳ן פעלד און אונזערע יונגע קאמעראדן, איבערהויפט די מײדלאך, װעלן מיר פרײלאזן, כדי זײ זאלן מארגן קענען אביסעל טאנצן אין די שטאדט גערטנער. (עס װערט דונקעל) ס׳װערט שוין דונקעלער. מען דארף זיך אויסרוען צוליעב דעם מארגנדיגן טאג. (צו עזריה׳ן) װאס מײנסטו, עזריה, זײנען שוין די פיה גענוג זאט?

ע ז ר י ה :

אהן ספק, בעסטער הויפטמאן. (ס׳װערט נאך טונקעלער)

ע ק י ב א :

טא טרײבט אהײם די פיה. די זון געהט שוין אונטער. (זינגט)

די זון שוין אונטערגעהט,
די לבנה אין הימעל שוין שטעהט
און א קיהלעס װינטעלע שוין װעהט
עס קװיקט און שטארקט דאס הארץ.

דער מערב װערט רויט װי פײער
און אנדערע פארבן גאר טײער

פ'זינגט זיך און טאנצט זיך גאר פרייער
און פ'טרייבט אוועק דעם שמערץ

סא טרייבט אהיים די פיה
און רוהט ביז אין דער פריה
און רוהט מיט פרייד און זינגט א ליעד
א ליעד פון פרייען געמיטה.

קאהר (וויגענדיג):

מען טרייבט אהיים די פיה
מען רוהט ביז אין דער פריה
מען רוהט מיט פרייד, מען זינגט א ליעד
א ליעד פון פרייען געמיט.

עקיבא:

זעהט נאר די נאכט, ווי זי שמיקט,
פיהלט נאר די לופט, ווי זי קוויקט,
אונז שעפער, ווי זי באגליקט
מיט איהר גערויך, ווי פיין.

דער פויגעל זינגט שוין פון לאנג,
זיין שעהנעם אבענד געזאנג
ווייט הערט זיך זיין ווידערקלאנג
קען דען נאך בעסערס זיין?
סא טרייבט ... און אזוי ווייטער.

גענענדיגט נעהמען זיי צוזאמען זייער הירטען
געצייג, געהען אפ. פארהאנג ביז העלפט.

פ א ר ה א נ ד ל ו נ ג

דאָזעלבע בילד אָהן געפית. עקיבא זיצט
פארטראכט אויף א שטיין, אונטער דעם בוים.

ע ק י ב א :

נו, דאנקען גאט, אוועקגעשיקט מיינע פיה־היטער. אבער וואס פאר א היטער זיינען דאס — פויל, נישט פארגינער זיינען זיי. בן כלבא'ס הייזער און שלעפער דארפען זיי. ווי נמאס איז מיר שוין אינגאנצען מיט זיי! ווי גערן וואלט איך פארלאזט די שטעלע! (פויזע) אבער ווי שווער איז מיר צו פאר־לאזען אט דעם שטיין, אט דעם בוים! עפעס זאגט מיר מיין הארץ, אז פון דאנען וועט קומען מיין ישועה. (פויזע) מיין ישועה אלס פאסטוך! בא, בא, בא! אבער וואס האב איך זיך צו באקלאגען! כלבא שבוע מיט זיין טאכטער זיינען פון מיר צופריעדען און מעהר דארף איך ניט.

פארטיפט זיך קוקענדיג אויף דער ערד.
רעכטס קומען אן רחל און עלישבע, ביידע
שטארק געקליידט. דערזעהענדיג עקיבא'ן
ווינקט רחל צו אלישבע'ן, וועלכע געהט אפ
לינקס.

ר ח ל :

אך, דאס זייט איהר!

ע ק י ב א :

באמערקט זי, טרעט צוריק.

שרעקט זיך ניט, איידעלע דאמע! (טרעט נעהענטער) אך, וועמען איך זעה! האב איך ניט קיין טעות? האב איך דעם כבוד צו ריידען צו דער איידעלער רחל?

ר ח ל : (דעקט אויף דעם שלייער)

יא, דאס בין איך, בראווער עקיבא.

ע ק י ב א : (פארנייגט זיך)

אבער אזוי שטעט און גאנץ אליין! א גרויסע געפאהר האט אייך געדראָהט, איינע אליין אין פעלד. די געגענד איז זעהר א געפעהרליכע.

ר ח ל :

יא, איך האב דאס באמערקט, און איך דאנק דיר זעהר, וואס דו זארגסט זיך וועגען מיר. (ר״כט איהם די האנד און ער קושט זי) און מיט וואס זאל איך דיך באלוינען?

ע ק י ב א :

באלוינען? בא, בא, כאו האסטו דען מיך נאך ווייניג באלוינט?

ר ח ל :

מיט וואס דען?

ע ק י ב א :

דענקסטו, אז איך ווייס, אז נאר דו האסט פאראורזאכט, אז דיין פאטער זאל מיך אלס דעם הויפט הירט באשטימען?

ר ח ל :

אבער קומט דאס דען דיר ניט? ביסטו דען ניט דער געשיקטסטער פון אלע?

ע ק י ב א :

ווי גליקליך בין איך צו הערען מיין לויב פון דיינע זיסע ליפען! אבער איך ווייס ניט מיט וואס איך בין אזוי געשיקטער פון אנדערע?

ר ח ל :

„מיט וואס", פרעגסטו? דאן קענסטו זיך אליין ניט. און דער קעניג דוד האט דען שנעלער, ווי דו, א ווילדען בער געטויטעט?

ע ק י ב א :

אך, צו הויך פארגלייכסטו מיך! וואס בין איך דען אינגאנצען?

ר ח ל :

האלט דיך נאר ניט אזוי קליין, עדעלער, געשיקטער, בראווער עקיבאן! דוד איז אויך נאר א פאסטוך געוועזען און דערנאך א דערנאך (קוקט נביאיש) א גרויסער פאסטוך איבער דעם פאלק ישראל געווארען.

ע ק י ב א :

וואס מיינסטו דען דערמיט?

ר ח ל :

אז דו וועסט אויך א גרויסער הירט, א הויכער פיהרער זיין.

ע ק י ב א :

יא, מיט דער צײט װעל איך זײן דער בעסטער צװישען דײן פאטערס הירטען.

ר ח ל :

נײן, א הירט איבער דעם פאלק ישראל און א גרויסער גבור דערצו.

ע ק י ב א :

װען איך װעל פארטרײבען טיעל װעלף װעל איך הײסען א גבור.

ר ח ל :

נײן, א גבור אין דער אידישער תורה, און טויזענדער תלמידים װעלען זיצען בײ דײנע פיס.

ע ק י ב א (פארטרוימט) :

יא, בײ מײנע פיס װעלען זיצען עזריה, עזרא, חנניה, חזקיה און אלע אנדערע הירטען און איך װעל זײ לערנען װי אזוי אויסצוראטען די הילדע חיות פון דײן פאטערס פעלדער.

ר ח ל :

נײן, בײ דײנע פיס װעלען זיצען גרויסע געלעהרנטע, און הערען װעלען זײ פון דײן מויל רײנע און הײליגע תורה.

ע ק י ב א : (האלב פארחירט)

דו, גוטער מלאך, זאל איך גלויבען, אז דו, װאס לעבט נאר יענעם צו טרײסטען און לײטען, זאל קומען פון מיר אפלאכען?

פאלט אויף זײנע קניע, קושט איהר שלײער.

זי הויבט איהם אויף.

ר ח ל :

שטעה אויף, טײערער עקיבא! עס פאסט ניט פאר דעם צוקונפטיגען אידישען העלד זיך צו דערנידריגען פאר א פרוי. (זינגען)

ע ק י ב א :

איז דאס ניט קײן טרוים?

ר ח ל :

ניט קײן טרוים, נאר די װירקליכקײט!

ע ק י ב א :

איז דאס ניט קײן שפאס?

ר ח ל :

ניט קיין שפאס, נאר די ריינע וואהרהייט.

ע ק י ב א :

מיין גאט, דיין פלאך זאגט, איך א הירט איבער דיין פאלק ישראל!

ר ח ל :

נאך ווי א הירט! א גרויסער הירט!

ע ק י ב א :

און א גבור אין דער אידישער תורה.

ר ח ל :

נאך ווי א גבור, א גרויסער גבור!

ע ק י ב א :

און טויזענדער תלמידים וועלן זיצן ביי מיינע פיס, בא כאן

ר ח ל :

נאך ווי טויזענדער! א סך טויזענדער!

ע ק י ב א :

און הערן פון מיין מויל ריינע תורה.

ר ח ל :

אבער א מין תורה— ריינע און הייליגע תורה.

ע ק י ב א :

איז דאס ניט קיין טרוים?

ר ח ל :

ניט קיין טרוים, נאר די ווירקליכקייט.

ע ק י ב א :

איז דאס ניט קיין שפאס?

ר ח ל :

ניט קיין שפאס, נאר די ריינע וואהרהייט.

ע ק י ב א :

גאט מיינער!

ר ח ל :

איך שווער דיר ביי גאט!

ע ק י ב א :

אזוי זאגט א מלאך פון גאט!

ר ח ל :

ניט קיין מלאך, נאר א מענטשליך קינד זאגט עס דיר, דאך מעגסטו עס ליבער גלויבען.

ע ק י ב א :

דאן ביזטו א נביאה! אבער ווי קען איך גלויבען א זאך פון דער א זמסע-ליבקייט? איך בין דאך אזוי אומגעבילדעט און יונג אויך ניט.

ר ח ל :

אויף דעם זארג ניט— איך וועל דיך שטיצען.

ע ק י ב א : (פארגזיגט זיך)

איך דאנק דיר, עדעלע רחל, אבער מיט וואס האב איך זוכה געווען צו דעם גליק פון דיר געשטיצט צו ווערען?

ר ח ל :

ווייל איך וויל אזוי. ווייל -- איך פארגעסער דיך!

ע ק י ב א : (פארחירט)

דוזזז מיך!...

ר ח ל (ענטשלאסען):

יא, שעהנער עקיבא! נאך מעהר, איך... ליעב... דיך!...

(זינגען)

ע ק י ב א :

אך, מיין גאט, וואס נאך וועל איך ווערען?

ר ח ל :

יא, יא, יא, דו מוזט עס איצט ווערען!

ע ק י ב א :

איך פון דיר זאל געליעבט ווערען?

ר ח ל :

יא, פון מיר זאלסטו געליעבט ווערען.

ע ק י ב א :

קענסטו אויך מיר אויף דעם שווערען?

ר ח ל :

יא, איך קען דיר אויף דעם שווערען.

ע ק י ב א :

אז דו ליעבסט מיך?

ר ח ל :

יא, אז איך ליעב דיך.

ע ק י ב א :

איז אויך דאס וואהר?

ר ח ל :

וואהר און קלאהר.

ע ק י ב א :

אך, ווי גוט דו ביסט!

ר ח ל :

לויבסט מיך גאר אומזיסט.

ע ק י ב א :

און דערצו נאך, ווי שעהן!

ר ח ל :

שעהן ביסטו אליין.

ע ק י ב א :

דיינע אויגען ווי ליכט.

ר ח ל :

דיינע לאקען געדיכט.

ע ק י ב א :

דיינע באקען ווי רויז.

ר ח ל :

ווי שעהן שפריכט דיין מויל.

ע ק י ב א :

דיינע ליפען ווי זיס.

ר ח ל :

ווי ליבליך איז דיין שפרוך.

בײדע:

יא, דו ביסט דאך שעהן,

זיסער פון דעם בעסטען װײן (שליסען די הענט)

פון די בעסטע װירצען אוילען,

קענסטו קװיקען, קענסטו הײלען,

און די טיפסטע װאונדען הײלען. (לאזען אפ די הענד)

עקיבא:

שװער זשע מיר נאך אמאל.

רחל:

איך שװער דיר אהן א צאהל.

עקיבא:

בײ גאט דעם ליעבען.

רחל:

אז דו ביסט מיר ליעב.

עקיבא:

בײ גאט דעם גרויסען.

רחל:

אז מײן ליעבע איז גרויס

עקיבא:

בײ דער לבנה און שטערן.

רחל:

קען איך דיר צו שװערען.

עקיבא:

פעלדער זײט אויך צײגען.

רחל:

די שבועה ניט צו בויגען.

בײדע (די הענט ארויף)

אזוי שװערען מיר בײדע,

ה״ עלקים,

בײ גאט װאס לעבט און רוהט אומעטום.

הימעל און ערד, האבען געהערט,

געהערט האט די גאנצע בריאה.

נים צו פארשהעכען, נים צו ברעכען,

אונזער הײליגע שבועה.

נעהמען זיך ארום. אט, לינקס

פ א ר ה א נ ג

צ װ ײ ט ע ר א ק ט

א שעהנע װילא, דעקארירט אין מזרח סטיל. יעדען יאהר קומט אהין כלבא שבועה מיט זײנע קרובים און באקאנטע, א סך באַ־ריהמטע לײט פון ירושלים, צו פארברײנגען חמשה עשר באב, דעם אמאליגען אידישען יום טוב. דורך דער גלעזערנער װאנט שײנט ארײן די זוהן, װאס באלויכט דעם ארומיגען גרויסען גארטען. רעכטס, אין מיטען זאל, א לאנגער טיש, געדעקט מיט פארשידענע מזרח־פרוכטען, פלעשער װײן, בעכער, רויזען, בלומען. אויבענאן שטעהט א פרעכטיגער טראהן־שטוהל. אײניגע טישלאך צעװארפען. א קאנאפע. לינקס צװײ טירען — א גרויסע פאראדנע טיר בײם גארטען און א קלענערע אין מיטען דער װאנט.

א ל י ש ע

(רחלים דיענער, עלעגאנט געקלײדט, באגיסט די בלומען. ר ח ל געקלײדט אײנפאך אין װײסען, איהרע לאנגע האר צעװארפען, װײזט איהם װי צו גיסען)

ר ח ל :

גיס דאך ניט צופיעל אויף אײן פלאץ. װי אומגעשיקט דו ביסט הײנט.

א ל י ש ע :

װארום נאר הײנט: (שטעלט אנידער דעם קרוג)

ר ח ל :

ביזט אפשר גערעכט, אבער דאך ביזטו אלעמאל געשיקטער װי הײנט.

א ל י ש ע :

װאס זאל איך טהאן, עדעלע חויבקײט, װען מײנע לוספיגע חענט װילען מיך הײנט ניט דיענען: (קלאפט אײן האנט אן דער צװײטער)

ר ח ל :

ניט די חענט, נאר דײן קאפ װיל דיך הײנט ניט דיענען.

א ל י ש ע :

נון, װעל איך שלאגען דעם גראבען קאפ מײנעם. (װיל שלאגען דעם קאפ)

ר ח ל :

װאלט, דו לוסטיגער קערל, דעם קאפּ דײַנעם װאלסטו ניט שלאגן.

א ל י ש ע :

װארום?

ר ח ל :

װײַל, ערשטענס, איז ער הײַנט ניט דײַנער, נאר דײַן געליבטער אלישבעס. צװײטענס, װאס איז דײַן קאפּ שולדיג, װען ער װיל אױך זײַן אין גארטען און כאפּן א טענצל. (ער בויגט אײַן דעם קאפּ) װאס שעמסטו זיך? איז דען א שאנדע ליעב צו האבן? איבערהױפּט אזא שײן און קלוג מײדעל, װי אלישבע איז? כא, כא, כא, זעהר א פּאסיגער שידוך און מיר טרבנות געלט. (נעהמט ארױס געלט, גיט איהם, ער נעהמט צו שעמעװדיג). נעהם דיר, דו לוסטיגער, דאס איז דיר פאר דײַן פײַנעם געשמאק אױסצוקלײַבן פאר א כלה אזא מײדעל װי אלישבע איז. װי גליקליך װעסטו זײַן מיט איהר! אױף אײניגע מינוטען באפרײַ איך דיך, אבער זאלסט ניט טאנצן מיט קײן אנדער מײדעל, אױסער אלישבע. זי איז זעהר אײפערזיכטיג. ניט אמת? ביסט מיר זעהר שעמעװדיג, א גוטער סימן, נו געה שױן, געה!

א ל י ש ע :

(פארנױגט זיך) איך דאנק דיר זעהר, עדעלע נשמה. זאל דיר גאט באצאה־לען פאר דײַן גוטער באהאנדלונג און מיטלײַד מיט דײַן דינערשאפט.

ר ח ל :

געה שױן, געה, א שאד די צײַט, פיעל פארגעניגען!

א ל י ש ע :

א שעהנעם דאנק! (געהט אפּ דורך דער קלענערער טיר.)

ר ח ל :

פּרובירט באגיסן די בלומען, אבער שטעלט באלד
אװעק דעם קרוג. װארפט זיך האלב קינדיש אױף
דער קאנאפּע.

אזא לוסטיגער, אבער װען עס קומט צו ליעבע איז ער אזױ אומשולדיג װי א קינד. אבער אזױנע אומשולדיגע אױגען װי בײַ מײַן עקיבא'ן האב איך נאך בײַ קײן יונגענמאן באמערקט. װי ער האט מיך נעבעך באצױבערט

מיט זײן באנעהמונג, מיט זײן געזאנג. (פויזע). אבער וואס וועט ווײטער זײן? עס איז מיר א רחמנות אויף מײן טאטען. וואס וועט מײן פאטער אויף מײן באשלוס זאגען? נאר עס העלפט ניט: קען ער דען פיהלען דעם געפליכען פלאם, וואס דער הײליגער פײער האט אין מײן הארצען אנגעצונדען? מעג ער מיך פון זײן הויז דערווײטערען, פון זײן פארמעגען ענטערבען, אבער דער שעהנער עקיבא בלײבט מײן, אויף אײביג מײן. (זינגט)

אזוי זאגט א מלאך פון גאט און אזוי ווײטער.

פויזע. אין גארטען הערט מען טאנצען. זי געהט צו צום פענסטער, לינקס, הערט זיך אײן. באלד הערט זיך א געזאנג.

א ל י ש ב ע :

ס׳גיבט בחורים יונג און שעהן
הויך געוואקסען, אײדעל, [illegible] פײן,
אבער ניט אזוי מלא חן,
ווי מײן ליעבער, דו אלײן.

(מוזיק, טאנצען, אומארמען)

א ל י ש ע :

ס׳גיבט אויך מײדלאך שעהן און יונג
מאנכע צארטע, מאנכע פלינק;
דו, מײן ליעבסטע, ביסט אלצדינג,
לוסטיג, פרעהלאך און א שפרינג.

(מוזיק, טאנצען, אומארמען, אפ לינקס)

ר ח ל : (אפלאדירט)

בראווא, אומשולדיגע מײבעלאך! וואס האט איהר און וואס פעהלט אײך? און דאך זײט איהר אזוי גליקליך. ווי פרײע פויגעל זײט איהר דאך! ווער לאזט אײך ניט פליהען? ווער שטערט אײער זינגען? אויף דעכער, אויף בוימער, אויף לאנקעס, אויף פעלדער. דארט זינגט איהר דאס פרײע ליעד, פון ליעבע, פון לעבען מיט פריעד. (פויזע) מערקווירדיג, ווי עס ציהט מיך צו יענעם פרײען, נאטירליכען לעבען. וואס נוצט מיר דאס גאנצע רײכטום? פרײ וויל איך לעבען: א פויגעלע וויל איך זײן! (זינגט)

א פויגעלע וויל איך זיין און פליהען הויך און ווייט,
די גאנצע וועלט איז מיין, איך וויין מיר לוים דער צייט.
וויינט בין איך אין סדום
אויף מארגען אין רוים— איבעראל האב איך מיין רוה.
איך ווייס נים פון קיין נוים,
געפין מיר ליכט מיין ברוים, איך שוועב מיר ווייטער און פליה.
(מוזיק, מאנצט)
א פויגעלע וויל איך זיין, מיט מיין ליעבען באנאנד,
זינגען וועלען מיר שעהן, פליהען האנט ביי האנט.
בויען א שעהן נעסטעלע,
עסען א קליין מעסטעלע, גליקליך פון אונזער מיה.
טרעפט אונז ווען א פיינד,
נעהם איך מיין ליעבענס פריינט, און שוועב מיר ווייטער און פליה.
(מוזיק, מאנצט. זעצט זיך צוריק אויף דער קאנאפע,
זיפצט אפ.)
אך, ווי איך פיהל מיך היינט, נים ווי געוועהנליך.
(פארטראכט זיך, פויזע.
א ל י ש ב ע :
(קומט ארויין מיט ליכטע טריט, הינטער רחל, פאר-
שטעלט איהר די אויגען. רחל באטאפט אלישבע'ס
הענט)
ר ח ל :
אלישבע!
א ל י ש ב ע :
דאס בין איך. (נעהמט אוועק די הענט, באטראכט זיי) אה, פיינטע הענט
האב איך. קענטיג, אז דו האסט געוויינט. (קוקט איהר אין די אויגען)
דיינע שעהנע אויגען האבען געוויינט! איז דאס פון ליעבע? (אומארמט זי,
קושט זי, זעצט זיך נעבען איהר.)
ר ח ל :
יא, מיין טייערע ליעבע אהן טרערען גיבט נים, אלישבע. אהן טרעהרען
איז טרוקען. נים אמהז האסט שוין אמאל איבער דיין ליעבע געוויינט?

א ל י ש ב ע :

אבער, הארציגע רחל, צוליעב וואס זאלען מיר היינט פון געהיין שמועסען? היינט איז דאך יום טוב. איך וועל דיר בעסער זינגען א שעהן ליעדעלע, וואס מיינער א פריינט האט מיך היינט אויסגעלעהרנט.

ר ח ל :

ווי הייסט דאס ליעדעל?

א ל י ש ב ע :

דאס פאסטוכעל.

ר ח ל :

וואס פאר א געלונגענער צופאלן דאס „פאסטוכעלע" בא, בא, באן נו, זינגן

א ל י ש ב ע : (שטעלט זיך, זינגט)

א פאסטוכעל איז ער געהוען
הויך און שעהן גאר א פראכט
באלד ווי זי האט איהם דערזעהען (בײדע בײם דעם לעצטען פערז)
שטעלט זי זיך אפ און טראכט

א פרינצעסין איז זי געוועזן
איהרע אויגען ווי מילד און שווארץ
באלד ווי ער טרעפט זי אזוי שטעהן, (בײדע בײם)
זאגט איהם נביאות זיין הארץ

עס קלאפט זיין הארץ און עס שלאגט
עס רופט איהם צו ליעבע געשווינד
און ער טרייבט ווייטער און יאגט (בײדע בײם)
די שעפעלאך ווי א קינד

ווי קען ער דען זאלבעס זאגען
דאך שיקט ער איהר זיינע בליקען
זי קען עס נים פארטראגען, (בײדע בײם)
זי מוז איהם איהר סוד אנטדעקען

א פאסטוכעל איז ער געווען
זי א פרינצעסין געבוירען
דאך איז די ליעבע געשעהן
גאר אויף גאנץ לאנגע יאהרען. (ביידע בים)

ר ח ל :

ווי עהנליך איז דיין פאסטוכעל אויף מיין פאסטוכעל!...

א ל י ש ב ע :

און ווי עהנליך ביסטו אויף דער פרינצעסין.

ר ח ל :

מיין געשיכטע זאל זיך נאר אזוי ענדיגען ווי ביי יענער פרינצעסין.

א ל י ש ב ע :

גאנץ געווים.

ר ח ל :

און ווער וועט מיר העלפען אין מיין קאמף?

א ל י ש ב ע :

דערזעלבער וואס האט יענער פרינצעסין געהאלפען אין איהר קאמף.
ליעבע איז פון גאט און קעמפען קעגען איהר הייסט קעמפען קעגען גאט
און זינדיג איז יענער וואס קעמפט געגען גאט.

ר ח ל :

האסט רעכט, אלישבע (שטעהט אויף) איך מוז און וועל קעמפען. נאר דיך
וויל איך בעטען מיך נים פארלאזען, דו, מיין יוגענספריינדין. (אומארמען
זיך, וויינט)

א ל י ש ב ע : (ווישט אפ איהרע טרעהרען)

וואס רעדסטו? דיך פארלאזען? ניין, מיין ווירדיגע וואוהין דו וועסט געהן
וועל איך מיטגעהן דיך צו באדיענען, לייטען און שיצען מיט מיין בלוט,
מיט מיין לעבען.

ר ח ל :

איך דאנק דיר זעהר, אלישבע. ווי גליקליך בין איך מיט אזא פריינדין.
(לייגט אויף אלישבע'ן איהר קאפ. יענע גלעט זי.)

א ל י ש ב ע ׃

אַח, ליבע אַלע טרעהרען גיבט ניט. אזוי פיעל ח״נט געח״נט. אַח, חי ח״ט דאַ איז׃ קום אביסעל א״ן גאַרטען. ס׳איז נאָך גענוג פריה. נאָך צ״ט גענוג ביז די געסט חעלען קומען.

(ב״דע אפ דורך דער גרויסער טיר)

א ל י ש ע (קומט אר״ן, קוקט זיך אום, רופט)

רחל׃ אלישבע׃ ב״דע מ״דלאַך ניטאָ און באַלד קומען אַן די געסט. עפעס איז מיר אַם די רחל זינט נעכטען אזוי טומלאָז. חי רופט מען דאָס׃ אזוי סע.. סע... סעבא... סעלאַנכאָליש. א געלעכטער, אויף מ״ן חאָרט׃ אזוי ר״ך, אזוי שעהן, אזוי קלוג, אזוי גוט, און דאָך מעלאַנכאָליש. חאָס זאָל איך שוין זאָגען׃ ניט ר״ך, ניט שעהן, ניט קלוג און ניט גוט און איך בין ניט מעלאַנכאָליש.. אימער בין איך לוסטיג. מ״ן אלישבע איז אויך אימער לוסטיג. ח״נט חאָס זי מיר אקעגען געטאַנצט, אַז איך בין מלא חן. אבער חער ח״סט׃ אפשר איז דאָס געחען ניט מעהר חי א קאָמפלי־מענט. די ח״נט״גע מ״דלאך ז״נען באַריהמט מיט ז״ערע קאָמפלימענטען. נאָר חאָס שאַדט עס דען׃ חאָסט א מינוט א גוטע, זאָל ז״ן א פאַלשע, אבי א גוטע, א זיסע. איך חער, חי א יונגעט שעהנעט מ״דעל זינגט מיר אנטקעגען „מה יפית״ (זינגט

דו ביסט שעהן און מלא חן, חא, חא, חא
בא, בא, בא, בא, חי פ״ן איז צו ז״ן
בא, בא, בא, בא, שעהן און מלא חן.
בא, בא, בא, בא, פון דעם מ״דעל זיס
בא, בא, בא, בא, חערען מה יפית.
און באַטש דו חאָסט אל״ן דערקענט
אַז דאָס איז א קאָמפלימענט
ביסטו גליקליך פאַרט
פון דעם זיסען חאָרט.

בא, בא, בא, בא, גוט איז די מינוט
בא, בא, בא, בא, פרויען גרוס און קוש.

בא, בא, בא, בא, גליקליך ביזטו דאן,
בא, בא, בא, בא, ביזט געליעבטער מאן
און באטש דו האסט ... און אזוי ווייטער

בא, בא, בא, בא, ווען דו ביסט אליין
בא, בא, בא, בא, מיט א מיידעל שעהן
בא, בא, בא, בא, מאכט זי דיר א חן
בא, בא, בא, בא, קודם באפ ארײן
און באטש דו האסט... און אזוי ווייטער.

(פויזע. גערויש הינטער די קוליסען)

אך, די געסט, די ליעבע געסטן (לויפט און עפענט די פאראדנע טיר)
פיער דינער טראגען אריין א באלדיכאן, אויף
וועלכען עס זיצט כלבא שבועה. עס קומען אן
א סך געסט, צווישען זיי יחונן בן זכאי מיט
זיינע תלמידים, נחום איש גמזו, אליעזר בן
חנניה, פוסיפוס. אליטע באזעצט כלבא שבועה
אויף דעם טראנען שטוהל. אלע זעצען זיך.
אויבענאן ארום כלבא שבועה רעכטס יוסיפוס,
לינקס אליעזר. אליטע גיסט אן א בעכער וויין
און גיט כלבא שבועה. אלע גיסען אן די
בעכער. פיער דינער טיט'ן באלדיכאן אפ.
כלבא שבועה נעהמט דעם בעכער, זינגט.

כ ל ב א ש ב ו ע ה:
טרינקט און עסט, ליעבע געסט,
לעבט אייל ברייט, לוסטיג זייט,
יום טוב היינט, ליעבע פריינט,
טרינקט אויפט וואהל, יאָ יא, יא, אויפט וואהל!

א ל ע:
ליידיג נים געזעסען
טרינקען און געגעסען.

קיינע אינטערעסן, יום טוב, יום טוב, היינט.
היינט האט מען פארבריינגען
מיט פיעל שעהנע געזאנגען
טאנצען אין די טענגען פאר דיר, שעהנער פריינט.

כ ל ב א ש ב ו ע ה :

איהר גרויסע ליט, פריים זיך, פריים.
דעם בעסטען היין און אלעס מיין
איז דאך פאר אייך, ארעם און רייך,
טרינקט אויפט האחל, יא, יא, יא, אויפט האחל!

א ל ע :

ליידיג גיט געזעסן... און אזוי היטער.

אלע טרינקען. אויפטריט טענצער מיט טענצערינט
מיט טאצען און פויקען

טענצער און טענצערינט : (זינגען)

יום טוב, היום, יום טוב, היום!
מיר זיינען געקומען, אנשטיל צו נעהמען
אין דעם גרויסען יום טוב, פראכט.
פאר דעם הערר און די געסט
זינגען דאס בעסט, טאנצען לוסטיג, פרעהלאך פארבראכט.

א ל ע (טאנצענדיג)

גאר גיט געטראכט, פרעהלאך פארבראכט,
טאנצען אין פראכט, היטער און מונטער צום פעסט.
ס'איז אונז גיט צו שהער, זינגען וואס מעהר,
וויילען דעם הערר און זיינע ליעבע געסט.

ט ע נ צ ע ר :

זינגט זשע אלע, זינגט,
דאס איז אומבאדינגט, אונזער הערר איז דאס ווערט
צו טהאן גוטעס פיעל
איז אימער זיין ציעל, דאס זעהט מען און מען הערט.

(צושפיעל הי פריהער)

ר ח ל א ו ן א ל י ש ב ע

אלישבע צו אלישע. רחל צום פאטער. זי נעהמט איהם ארום און ער קושט זי אין שטערן. אלעזר און יסופוס קוקען אויף איהר ליידענשאפטליך. זי באמערקט, רייכט זיי די האנד מיט קאלטער באפעהמונג. זיי קושען איהר האנט.

כ ל ב א ש ב ו ע ה :

נו, מיין טאכטער, ווי האסטו עפעס היינט פארבראכט.

ר ח ל :

זעהר גוט. (איהר קאפ אויף זיין אקסעל) און דו, ליעבער פאטער?

כ ל ב א ש ב ו ע ה :

ציםליך גוט, ווייסט דאך, ליעבע טאכטער, ווי עס זיינען מיר אלע אידישע יום טובים, איבערהויפט דער היינטיגער יום טוב פון גליכהיים און פרייהייט. באטש די איצטיגע צייט איז פאר ירושלים זעהר א טרויעריגע, דאך מוז מען אלץ רוהיג אריבערטראגען. (פויזע, באוועגונג)

נ ח ו ם :

און אויף אלץ זאגען „גם זו לטובה!"

כ ל ב א ש ב ו ע ה :

יא, רעכט, ר" נחום. מען מוז זאגען „גם זו לטובה" און האפען אויף בעסערע צייטען. ניט געזארגט, מיין טאכטער. (גלעט איהר די האאר) יום טוב היום! (צו די טענצער) זינגט לכבוד מיין טאכטער א שעהנעם וועלקאמען.

כ א ה ר :

וועלקאמען, וועלקאמען, א שעהנעם וועלקאמען,
צוליעב דעם טייערן, געעהרטען נאמען.
רחל דו שעהנע, רחל דו ריינע, ריין פון אלע זינד.
פון מיידלאך איינע, מיט זיסען פיינע, יא, יא, דאס בעסטע קינד.

קען מען דען אזוי פיעל איבערגעבען, פיעל איבערגעבען
איהרע וואונשע, איהרע שטרעבען, איהרע שטרעבען,
צו פארזיסען דאס ארימע לעבען, דאס ארימע לעבען.
קען מען דען אזוי פיעל דערצעהלען, אזוי פיעל דערצעהלען?

איהרע צדקות, נדבות ט״לען, נדבות ט״לען.
טר״סט פאר יעדן, קראנקע ה״לען, קראנקע ה״לען,
טא ז״נגען מיר אלע איהר, גאר א שעהנעם שטיק
און װינשען מיר אלע איהר גאר א ר״נעם גליק. (אלע ב״ם)

(הויבען די הענד בענשענדיג)

גאט זאל דיך באלוינען מיט כפל כפלים,
זאלסט אימער באש״נען אונזער ירושלים,
אויביג זאלסטו בליבען װי די שעהנסטע רויז,
זאלסט נאר גוטעס טהאן, יא, ד״ן שכר איז גרויס.

ר ח ל:

(אפלאדירט, דאנקט. פויזע.)

א נ ט י ג נ ו ס

(לויפט צו דערשראקען צו כלבא שבועה)

כ ל ב א ש ב ו ע ה:

נ״עס געבראכט, אנטיגנוס?

א נ ט י ג נ ו ס:

יא, אבער ל״דער נים ק״ן פרעהלאכע נ״עס. (שרעק, באװעגונג)

א ל ע ז ר:

מ״ן הארץ האט מיר באלד געזאגט, אז ה״נט װעט עפעס פאסירען.

ר ח ל:

לאמיר דאך הערען, װאס עס איז געשעהן.

א ל ע ז ר: (אהעקלויפענדיג פון טיש)

װאס דארף נאך הערען? געהים װידער א רוימישע געשיכטע. אך, די פאר-פלוכטע רוימער!

י ס ו פ ס:

װאו א פגע, װאו א צרה, איז ער דא מיט ז״נע רוימער.

א ל ע ז ר: (איראניש)

מיט מ״נע רוימער? (צו אנטיגנוס) נו, דערצעהל, װעט מען הערען.

א נ ט י ג נ ו ס:

אין דעם גרויסען שטאדט גארטען האבען מיר, יונגע ל״ט און מ״דלאך, געטאנצט

אונזערע נאציאנאלע מענץ, געזונגען און זעהר גוט פארבראכט. אבער פלוצים איז אונזער יום טוב צעשטערט געווארען. די רוימישע סאלדאטען האבען זיך אריינגעריסען צווישען די טאנצענדיגע רייהען און איינינע מיידלאך אויף זייערע פערד אוועקגעפיהרט.

א ל ע :

אוי, וועה!

א ל ע ז ר : (אויפגערעגט)

דערצעהל ווייטער, אנטיגנוס!

א נ ט י ג נ ו ס :

זעלבסטפארשטענדליך, אונזערע יונגע העלדען האבען דאס ניט געקענט דערלאזען. מיט דער גרעסטער טאפערקייט האבען זיי די רייטער צעשלאגען און די מיידלאך פון זיבערער טאנד געראטעוועט.

נ ח ו ם :

גם זו לטובה.

ר' י ח ו נ ן :

דאס איז גראד גאר קיין טובה ניט. די נארישע העלדען האבען אונז מיט זייערע מעשים א גרויסע רעה געטהאן.

י ס ו פ ו ס :

זעהר רעכט, רבי.

א ל ע ז ר : (העכסט צארנדיג)

און דאס הייסט ווילדע מעשים, ווען מען ראטעוועט אומשולדיגע אידישע טעכטער פון די רוימישע טמאים?

ר' י ה ו ש ע :

איך זאג אבער שוין פון לאנג, אז מען דארף אפשאפען די טענץ!

ר' א ל י ע ז ר :

אוי, די טענץ, די טענץ!

ר' י ח ו נ ן :

רעכט, מיינע תלמדים, שוין צייט אפצושאפען די טענץ.

א ל ע ז ר :

די דערשראקענע האזען זאגען שוין באצייטענס קינות. (צו אנטיגנוס) און

וואס איז דער סוף פון דער געשיכטע, אנטיגנוס?

אנטיגנוס:

דער סוף איז, ליידער, זייער טרויעריג. באלד האבן זיך דערהערט רוימישע סיגנאלען. דער חסון איז ארומגערינגעלט געווארן פון די רוימישע ריטער, וועלכע האבן מיט אכזריות ארויפגעריטען מיט זייערע פערד אויף פרויען און קינדער, וואס זיינען געפאלען ווי זאנגען אונטער דעם טערפ.

אלעזאר, אן אומגליקן (רחל ברעכט די הענט)

ר' יחונן:

און די אידישע העלדען וואס האבן געטאן, אנטיגנוס?

יוסופוס: (איראניש)

האבן זיך באהאלטען אין די לעבערן?

אלעזר:

דאס גלויב איך קוים.

אנטיגנוס: (אויפגערעגט)

אונזערע גבורים האבן גענוג גבורה באוויזען, אבער דאך...

כלבא שבוע:

גענוג, איך וויל שוין מעהר נים הערען! מיין גאט, ווי צעשטערט איז דער היינטיגער יום טוב! (צו די טענצער) געהט זיך, איהר טענצער, אייער טעג. אויס מוזיק, אויס טענץ. (טענצער אפ) וואס וועט ווייטער זיין איהר, אויסגעוועהלטע פון ירושלים, גיט מיר אן עצה. וואס זאגט איהר, ר' נחום?

נחום:

וואס זאל איך זאגען? אז עס האט זיך אזוי געמאכט איז גם זו לטובה?

כלבא שבוע:

אייער גם זו לטובה איז איצט נים אם פלאץ. וואס זאגט איהר, ר' יחונן?

ר' יחונן:

„גם זו לטובה" קען איך ליידער נים זאגען. גם זו לרעה, וויל איך אויך נים זאגען. אבער א טרויעריגער פאקט איז עס.

תלמידים:

יא, א גאנץ טרויעריגער פאקט.

כ ל ב א ש ב ו ע ה :

דאס װײס איך, אבער אן עצה דערצו דארף מען דאך האבען. יסופוס, װאס זאגט איהר דערצו?

י ס ו פ ו ס :

מײן עצה איז, אז מען זאל בארוהיגען אונזער פאלק און דאן װעלען די רוימער אונז לאזען צורות.

א ל ע ז ר :   (איראניש)

בארוהיגען אונזער פאלק! װעניג נאך האט מען זײ בארוהיגט! אבער אזוי װי מען קען ניט בארוהיגען דאס רױשענדע ים, אזוי װעט מען ניט קענען בארוהיגען דאס אידיש פארגאסענע בלוט, װאס די טיראנישע רוימער גיסען אימער צו, פריש, הײס בלוט.

י ס ו פ ו ס :

אבער צוליעב װאס זאל מען זײ אלעמאל געבען א געלעגענהײט דערצו?

א ל ע ז ר   (צארנדיג):

דו, פײלינג אײנערן זאל מען אפשר גלײכגילטיג צוקוקען װי מען שענדעט אונזערע טעכטער? האבען די אמאליגע חשמונאים אויך אזוי געטאן?

י ס ו פ ו ס :

בא, בא, בא, די אמאליגע חשמונאים האבען פארטריבען פון לאנד די גריכען און זײערע אײניקלאך האבען ארײנגעבעטען אין לאנד די רוימער.

א ל ע ז ר :

און אײער ליעבלינג, קעניג אגריפוס, חנפ'עט זיך צו זײ אונטער. אט ליגט ער איצט בײ די פיס פון דעם צורר פלארוס, װאס װיל אונז אלעמען אײנשלינגען.

אין די קוליסען לינקס הערט מען רײטען.
באלד נאך דעם א קלאפען אין דער פאראדנער טיר. אלישע לויפט צו דער טיר, רופט.

א ל י ש ע :

װער איז דארט ?

פ ל א ר א ס :

(טרעט אויף מיט שטורעם אין באגלײטונג פון צװײ רוימישע רײטער.

פ ל אָ ר אָ ס :

װער איך בין, קענסטו באלד זעהן: (צו די סאָלדאטען) סאָלדאטען, שטעהט ביי דער מיר. די שװערדען ארויס:

די סאָלדאטען שטעלען זיך ביי דער מיר. די
שװערדען ארויס. שרעקענדיגע באװעגונג.
רחל טוליעט זיך צום פאטער.

פ ל אָ ר אָ ס :

די שװערדען ארויס, װייל דא איז יום טוב'דיג און קיין װיין פעהלט דא אויך ניט, ניט װי מיר, װאס װערען אויסגעטריקענט אין די היצען. (צו אלישע'ן) דיענער, ארויס: און זעה אז אונזערע פערד זאלען ניט בלאנדזשען.

(אלישע קוקט צו כלבא שבועה) װאס קלעהרסטו: טרעקסט זיך פאר רוימישע פערד:

כ ל ב א ש ב ו ע ה :

מיינער א דיענער שרעקט זיך ניט פאר פערד, מעגען עס זיין רוימישע.

(צו אלישע'ן) געה, אלישע, מען דארף זיין גאסטפריינדליך.

א ל י ש ע (אפגעהענדיג)

באטש דער גאסט אליין איז ניט איבריג פריינדליך. (אפ)

פ ל אָ ר אָ ס :

אך, װי שטאלץ איהר רעדט היינט, העררער כלבא שבועה, פונקט װי א אידישער קעניג זיצענדיג אויף'ן טראהן. (קוקט זיך ארום) װי רייצענד שעהן זיינען די מיידלאך דא. דא איז פאראן צװיי גוטע זאכען — גוטער װיין און שעהנע מיידלאך.

כ ל ב א ש ב ו ע ה

זעצט זיך, מיין ליעבער, העררער פלאראס. הערט אויף צו מאכען שפאס. שטאלץ בין איך ניט. צו זיין א קעניג איבער דאס אידיש לאנד איז היינט גאר ניט אזא כבוד. און אט דער שטוהל איז א ירושה פון מיינע אור עלטערען.

פ ל אָ ר אָ ס : (זעצט זיך)

יאָ, איהר האט אלץ בירושה, לענדער, שטוהלען. אבער אט די צװיי זאכען קומען דאך היינט ניט בירושה. זיי געהערען דער אבער־מאכט.

כ ל ב א ש ב ו ע ה :

יאָ, אלץ געהערט צו דער הימעלשער אבער־מאכט.

פ ל א ר א ס :

און די היטלישע אויבערמאכט איז איצט רוים. (אלגעמײנער פראטעסט)

כ ל ב א ש ב ו ע ה :

אבער, הערר פלאראס, זײט איהר געקומען אהער מיט מיר זיך קריגען? ווילט איהר ניט מיט אונז מיטפײערען? (צו אלישבע׳ן) אלישבע, גיב ווײן.

אלישבע שטעלט אהעק פאר פלאראס א קרוג ווײן
מיט א בעכער. ער כאפט, טרינקט פון קרוג
הערט שכור.

פ ל א ר א ס :

זעהר געשמאק איז דער אידישער ווײן, אבער נאך געשמאקער זײנען די אידישע טעכטער. (רחל טוליעט זיך צום פאטער. אלעזר קוקט ב״ז). נו, דעם דורשט האבען מיר שוין אביסעל געשטילט און איצט וועלען מיר שמועסען צו דער זאך.

כ ל ב א ש ב ו ע ה :

און מיר זײנען גרײט צו הערען. וואס איז עפעס נײעס?

פ ל א ר א ס :

די זאך איז אזוי. איהר, אידישע פארשטעהער, לאזט אײך דא וואוילגעהן, און אײערע אײנגלאך האט איהר געלאזט אויף הפקר. האבען זײ זיך הײנט אביסעל צעטאנצט און גענומען בונטעווען זיך קעגען מײנע סאלדאטען.

כ ל ב א ש ב ו ע ה :

לײדער ווײסען מיר שוין פון דעם פאקט, נאר מיט אן אנדערען נוסח. אײערע סאלדאטען האבען געפאנגען אײניגע אידישע מײדלאך און ווען די יונגע לײט האבען זײ געשיצט, האבען אײערע סאלדאטען א סך אידיש בלוט פארגאסען. זאל דאס הײסען געשיצט אײערע אונטערטאנען?

פ ל א ר א ס :

בא, בא, בא, און מײנע סאלדאטען זײנען מחויב אײך צו שיצען אומזיסט? זײנען זײ דען פון שטײן, אז זײ זאלען קענען צוקוקען, ווי אײנגלאך פאר־ברײנגען מיט שעהנע מײדלאך און שטעהן ווי גולמ׳ס. פע, שאנדע, דאס פאסט ניט פאר רוימער, וועמעס געטער אלײן געניסען פון דער ליעבען אך מײנע ליעבע געטער— שעהנע ווענוס, ליעבליכער אמאר! האט איהר, אידען, אין

דעם א באגריף? װילען דען אײערע אײנגלאך, אז די רוממען, די פײערדיגע רוימער, זאלען זײן אזױ־קאלט צו, האבען זײ מײנע סאלדאטען דרך ארץ געלעהרנט און איך װיל אײך דרך ארץ לעהרנען. (אויפגערעגטע שטימונג)

כלבא שבועה:

און מיר שײנט אז איהר שיצט אונז ניט אומזיסט. פון אײערע געטער װילען מיר ניט װיסען און דרך ארץ האט איהר אונז שוין גענוג געלעהרנט.

פלאראס (כאפט דעם שװערד, האלט זיך צוריק)

צום טײפעל, איהר רעדט מיר הײנט צו שטאלץ! אײער קעניג אגריפא האט מיט מיר אנדערש גערעדט.

כלבא שבועה:

װי אזױ?

פלאראס:

ער האט פארשפראכען מיך צו פארגיטיגען.

כלבא שבועה: (צארניג)

פארגיטיגען מיט װאס, צום בײשפיעל?

פלאראס:

מיט א קלײניגקײט, מיט זיבצעהן צענטנער גאלד.

כלבא שבועה:

אך, גאט, און דאס איז בײ אײך א קלײניגקײט?

פארברעכט די הענד. אלגעמײנער פראטעסט.
אלעזר געהט ארום הין און צוריק.

פלאראס:

בײ מיר איז דאס א גרויסע זאך, אבער בײ אײך איז דאך דאס א קלײניגקײט. איהר, אידען, פארמאגט גענוג גאלד, װאס נוצט אײך גאנץ װעניג. און מיר, רוימער, אויביגע קריעגספיהרער, נויטיגען זיך אין דעם זעהר שטארק.

עקיבע:

טרעט אויף, געקלײדט אלס הירט, געהט
נעהענטער צו כלבע שבועה. נײגט זיך. רחל
װערט אומרוהיג.

כלבא שבועה:

עקיבא, װאס ברײנגסטו מיר פאר א נײעס?

עקיבא:

דעם מאל ברײנג איך לײדער קײנע פרעהליכע נײעס.

כ ל ב א ש ב ו ע ה :

וואס איז דא ווידער פאר א צרה אויף מיין קאפ! (פויזע) נו, וואס שווייגסטו?
זאג, דערצעהל, מיין געדולד איז נאך גרויס גענוג.

ע ק י ב א :

וואס עס האט פאסירט מוז איך דערצעהלען, אפשר איז נאך מעגליך צו ראטעווען. די רוימער האבען ביי אונז פארכאפט צעהן טויזענד שעפסען און די הירטען געפאנגען גענומען. עזריה, וואס האט ניט געוואלט מיטגעהן, האבען זיי דערמארדערט. אה, עזריה, וואס פאר א בראווער הירט ער איז געווען.

קוקט זיך ארום, באמערקט פלאראס'ן, גרייפט
אן דעם הירטען־זעבעל. סאלדאטען באוועגען זיך.

פ ל א ר א ס :

דענקסט דו, לומפענהירט, אז דו ביסט דוד, דער פאסטוך אינגעל, און איך בין דיין גלית? (אלגעמיינע באוועגונג)

ע ק י ב א :

ווען איך בין דער גרויסער דוד וואלטען דאן מיינע שעפעלאך דורך דיינע סאלדאטען ניט געפאנגען געווארען. דו ביזט אויך ניט קיין גלית, באטש פרעך ביזטו ווי ער איז.

פ ל א ר א ס :

אה, דו, געמיינער פאסטוך! דאס וועט דיר ניט זיין געשענקט. (צו די סאלדאטען) סאלדאטען, ארעסטירט איהם! (סאלדאטען טרעטען צו).

ר ח ל : (לויפט צו)

ניין, איך לאז ניט! (סאלדאטען האלטען עקיבא'ן, ער קעמפט)

א ל ע :

דאס דארף ניט געשעהן! (אלע אויסער כלבא שבועה שטעהען אויף)

א ל ע ז ר :

דאס איז דאך אומגעהערט!

פ ל א ר א ס :

זאל איך, א רוימער, פון אזא געמיינעם פאסטוך באליידיגט ווערען?

א ל ע ז ר :

און מיר זאלען אונזערע באליידיגער דאנקען?

פ ל אָ ר אַ ס :

עס װעט גאַרנישט העלפֿן. זײַן קאָפּ מוז פֿאַרקירצט װערן. סאָלדאַטן, האַלט אים פֿעסט! (עקיבא קעמפֿט) אַה, ער איז אַ העלד, דוד דער צװײטער!

ר ח ל (לויפֿט צו צום פֿאָטער):

לאָזט אים נים ארעסטירן, אונזער געטרײַסטען און בעסטן פֿאַסטוך.

כ ל ב א ש ב ו ע ה :

הערר פֿלאַראַס, איהר ערלויבט זיך הײַנט שוין צו פֿיעל, אָבער אַזעלכע שפּאַסן זײַנען געפֿעהרליך. אַז דער איז מײַנער אַ קנעכט, האָט קען נאָר פֿון מיר באַשטראָפֿט װערן.

פֿ ל אָ ר אַ ט :

איך דאַרף פֿון אײַך קײַן מוסר נים הערן. אַ רוימישער באַאַמטער הײַט @@@@@ אַלײַן װי אַזױ זיך צו האַלטן. סאָלדאַטן, נעהמט אים.

סאָלדאַטן שלעפּן עקיבא'ן. ער שלעפּט זײ
צוריק.

כ ל ב א ש ב ו ע ה (קוקט אױפֿמערקזאַם אױף רחל)

אַך, גאָט, װאָס טוט זיך דאָ אין מײַן הויז!

ר ח ל (צו יאָזעפֿוס'ן)

יאָזעפֿוס, אַה, ראַטעװע, ראַטעװע!

י ס ו פֿ ו ס :

דיר צוליעב װעל איך דאָס טהאָן, כאָטש דער חירם איז נאַריש און אומפֿאַרזיכטיג.

ע ק י ב א (איראָניש)

נאַריש און אומפֿאַרזיכטיג.

ר ח ל :

זאָל זײַן, װי דו זאָגסט, אָבי באַפֿרײַ אים!

י ס ו פֿ ו ס : (צו פֿלאַראַס)

הערר פֿלאַראַס, גענעראַל גובערנאַטאָר פֿון יהודה, גרױסער באַאַמטער פֿון מעכטיגען רוים.

א ל ע ז ר (אַפּאַרט)

האָט פֿאַר אַ גרױסער טיטול!

י ס ו פֿ ו ס :

איהר האָט פֿולשטענדיג רעכט אים צו ארעסטירען, נאָר זײַט דאָך גנעדיג

און באפרײט איהם. פאלגט מיך, איך ראט אײך!

ע ק י ב א :

װי נידערטרעכטיג!

א ל ע ז ר :

פאלשער פאראט!

פ ל א ר א ס :

איך פאלג אײך, קלוגער יסופוס, צוליעב אײך באפרײ איך איהם, אבער די זיבצעהן צענטנער גאלד שענק איך ניט.

י ס ו פ ו ס :

װעגען דעם װעלען מיר איבער״דען, פארלאזט זיך אויף מיר.

פ ל א ר א ס :

סאלדאטען, לאזט איהם אפ פרײ. (סאלדאטען לאזען אפ עקיבא׳ן) אויפ׳ס װידערזעהן, קלוגער יסופוס. (רײבט פ יסופוס די האנט. פלאראס און סאלדאטען אפ)

א ל ע ז ר : (שטעלט אויס א פויסט)

קוים פטור געװארען פון דעם טיראן!

י ס ו פ ו ס :

א גרויסער העלד זײט איהר! פארװאס האט איהר ניט קײן גבורות באװיזען װען דער טיראן איז דא געװען?

א ל ע ז ר :

װײל איך האב ניט געװאלט אז איהר, קלוגער יסופוס, זאל דארפען מיך באפרײען.

ר ח ל :

און נאך פאר אזא טײערען פרײז פון זיבצעהן צענטנער גאלד.

ע ק י ב א :

און צו הײסען „נאריש און אומפארזיכטיג“.

י ס ו פ ו ס :

דו פאלשער קנעכט, אנשטאט א דאנק מאכסטו מיר נאך פארװירפע.

ע ק י ב א :

א פאלשער קנעכט איז דער, װאס באלײדיגט זײן אײגענעם ברודער.

ר ח ל :

זעהר רעכט, זאגט דער קנעכט, און איהר „הערר" דארפט ניט באליידיגען אונזער בראווען עקיבא'ן, וואס האט ווײנט מעהר מוט באוויזען, ווי איהר אלע פרייע הערען, אנפיהרער פון דער אידישער הויפטשטאדט.

כלבא שבועה קוקט אויף רחל'ן זעהר אויפמערקזאם, אלע וואונדערען זיך.

כ ל ב א ש ב ו ע ה :

וואס זעה איך? וואס הער איך? רחל, וואס אינטערעסירט דיך דער קנעכט?

ר ח ל :

אלע שרייען נאר איין וואָרט קנעכט. ער איז שוין אבער מעהר קיין קנעכט ניט. איך באפריי איהם! (עקיבא פארשעהמט, אלעזר, יסופוס אומרוהיג)

כ ל ב א ש ב ו ע ה :

מיט וועלכען רעכט באפרייסט דו איהם?

ר ח ל :

ווייל ער האט מיך געכטען פון טויט געראטעוועט און ווײנט אזא העלדענמוט באוויזען.

כ ל ב א ש ב ו ע ה :

וואס געהט דאָ ווידער אן? (פארברעכט די הענט)

י ס ו פ ו ס : (אפארט)

א ליעבע געהט דאָ פאָר, אבער איך וועל דאס ניט דערלאזען.

א ל ע ז ו ר : (אפארט)

איהר הארץ האט זי איהם אוועקגעגעבען און ער איז דאס ווערט. (אין יסופוס ריכטונג) ניט מיר, אבער אויך ניט דעם שטאלצען הונד.

ר ח ל (אפארט)

איצט איז געקומען די צייט, איך מוז אלץ אויפדעקען. (פויזע, ענטשלאסען צום פאטער) איך מוז זיך מודה זיין, מיין ליעבער פאטער, און זאלען דאס אלע הערען... אז... אז איך... איך ליעב... איך ליעב איהם! (אלע ערשטוינט).

כ ל ב א ש ב ו ע ה (שטעלט זיך אויף)

וועמען?!

ר ח ל :

דעם העלד עקיבא! (נעהמט איהם ארום)

כ ל ב א ש ב ו ע ה (שטארק אויפגערעגט)

און דאס הער איך פון מײן טאכטער, רחל?!

ר ח ל (פאלט אויף די קני):

יא, פון דײן פרײער טאכטער רחל. אין נאמען פון דעם הײנטיגען פרײען יום טוב שטער מיר ניט, פאטער, אין מײן אמת׳ער ליעבע.

כ ל ב א ש ב ו ע ה :

ביסט דו פעסט אנטשלאפען?

ר ח ל :

פעסטער קען שוין ניט געבען.

כ ל ב א ש ב ו ע ה : (אויפגערעגט, אבער קאלט)

העל איך דיר אין דײן משוגעת ניט שטערען, נאר פון מײן הויז זאלסטו פארטריבען װערען.

א ל ע (אויפגעציטערט)

פון אײער הויז פארטריבען װערען!!!

רחל פארברעכט די הענט. עקיבא לאזט אראפ דעם קאפ. מוזיק שפילט מעלאדראמאטישען טאקט.

כ ל ב א ש ב ו ע ה:

איהר זאלט מיר אין דער זאך ניט שטערען
פון מײן הויז זאל זי פארטריבען װערען,
צוזאמען מיט איהר ליעבען, דעם הירט,
דעם הירט װיל זי פאר א װירט.
ארויס דו געמײנער פאסטוך פון מײן הויז!
װי א הונט האסטו געהיט מײנע פיה
און װי א װאלף פארצוקט מײן טאכטער.
ארויס, ארויס, בײדע ארויס, פון מײן הויז.
פון מײן פארמעגען קריגט איהר גארניט.
אזוי שװער איך און אזוי בלײבט עס.

(רחל, עקיבא, שטעהען אויף, געארע מט אפ)

א ל י ש ב ע :

דאן געה איך אויך! (אפ)

כ ל ב א ש ב ו ע ה :

ארויס, ארויס, געהט איך געהט,
זאל איך ניט זעהן איהרע מענשען,
זאל איך ניט הערען פון איהר ריידען,
חיסען חיל איך ניט פון איהר.
איך האב געהאט אמאל א טאכטער,
רחל, די גוטע, האט מען זי גערופען,
געווארען איז זי גאר אומגעריכט,
צו איהר פאטער גרויזאם און שלעכט.
האב איך זי אוועק... ניין!
זי האט מיך אוועקגעווארפען. (צו די געסט)
און וואס זאגט איהר, מיינע געסט,
האבען מיר געהאט א שעהנעם פעסט!
נאר וואס זאל איך וויינען, קלאגען?
בעסער וועל איך אלץ איבערטראגען,
און אויף אלע צרות זאגען,
אזוי ווי ר" נחום זאגט:

נ ח ו ם :

גם זו לטובה!

כ ל ב א ש ב ו ע ה :

יא, גם זו לטובה!

פאלט הינטער זיך אויפ'ן שטוהל. אלע
לויפען צו.

פ אָ ר ה א נ ג

א ל י ש ב ע :

דאן געה איך אויך! (אפ)

כ ל ב א ש ב ו ע ה :

ארויס, ארויס, געהט איך געהט,
זאל איך נים זעהן איהרע מענשען,
זאל איך נים הערען פון איהר ריידען,
וויסען וויל איך נים פון איהר.
איך האב געהאט אמאל א טאכטער,
רחל, די גוטע, האט מען זי גערופען,
געווארען איז זי גאר אומגערעכט,
צו איהר פאטער גרויזאם און שלעכט.
האב איך זי אוועק... ניין!
זי האט מיך אוועקגעווארפען. (צו די געסט)
און וואס זאגט איהר, מיינע געסט,
האבען מיר געהאט א שעהנעם פעסט?
נאר וואס זאל איך וויינען, קלאגען?
בעסער וועל איך אלץ איבערטראגען,
און אויף אלע צרות זאגען,
אזוי ווי ר' נחום זאגט:

נ ח ו ם :

גם זו לטובה!

כ ל ב א ש ב ו ע ה :

יא, גם זו לטובה!

פאלט הינטער זיך אויפ'ן שטוהל. אלע
לויפען צו.

פ א ר ה א נ ג

דריטער אקט

א יאהר שפעטער, אויך חמשה עשר באב. אן
ארימער צימער אין אריענטאלישען סטיל.
רעכטס, איבערגעטיילט מיט א פארהאנג. לינקס,
א טיר. אין מיטען א טישעל. אויפ'ן טישעל
איינ'גע פאטירען. עטליכע אלטע בענקלאך.
אין ווינקעל א מאפטשאן אויסגעשפרייט מיט
שטרוי. נעבען מאטשאן א הענג־וויגעלע, אין
וועלכען עס ליגט א קליין קינד. רחל געקליידט
אין טארגען קלייד, קעמט זיך אויס די שטרוי
פון די האאר. עקיבא מוט זיך אן דעם אויבער
מאנטעל, פארטיג צום געהן.

ר ח ל :

נו, וואס וועלען מיר איצט טהאָן? שוין, ברוך השם די לעצטע קישען פארקויפט און מיר מוזען ליגען אויף דער נאקעטער שטרוי. (קעמט שמארקער) אוי, די שטרוי האט זיך אין מיינע האאר אזוי איינגעפלאנטערט, אז עס איז ניטא גאר קיין מעגליכקייט אויסצוקעמען. נאר איך נעהם שוין אלץ פאר ליעב. נאר ערגער איז, וואס עס איז שוין באלד קיין שטיקעל ברויט אין שטוב ניטא.

ע ק י ב א (גלעט זי):

זארג זיך ניט, מיין טייערע. גאט, וואס פארזארגט אלע זיינע באשעפעניסען וועט אונז אויך ניט פארלאזען. מיר מוזען ניט אנווערען דעם בטחון. (עס הערט זיך א קלאפען אין טיר) ווער קען דאס קלאפען אזוי פריה? (עפענט אויף און עס קומט אריין אן ארימאן.)

א ר י מ א ן :

גוט מעושען, האט רחמנות, מיין פרוי געהט צו קינד און איך האב אפילו ניט אביסעל שטרוי איהר א געלעגער אויסצושפרייטען. קענט איהר מיר שענקען אביסעל שטרוי?

ע ק י ב א ר ח ל

אלץ וואס מיר קענען וועלען מיר אייך געבען. (ציגען איהם אויפ'ן טאפטשאן) נעהמט אייך, וויפיעל איהר דארפט. (ארימאן נעהמט אביסעל)

א ר י מ א ן :

איך דאנק אייך זעהר, גאט זאל אייך דערפאר באלוינען מיט כל טוב. (אפ)

ע ק י ב א :

זעהסטו, מיין טייערע, עס זיינען נאך דא מענשען, וועמען עס איז נאך א סך

ערגער, װי אונז. מיר האָבן בלויז אביסל שװערע צוקאָפּענס. מאַנכע האָבן דאָס אויך ניט. נאָר ניט געזאָרגט, מײַן טײַערע, גאָט װעט אויף אונז נאָך אויך רחמנות האָבן און װעט נאָך אונז באַגליקן. (פֿאַרהילט זיך אין מאַנטל) אָט, עס איז שוין שפּעט. איך מוז שוין גײן אין בית המדרש אַרײַן. (קושט זי, גײט אַװעק) א גוטן יום טוב, מײַן טײַערע. אַך, איך האָב נאָך ניט געקושט נחמה'לען. (גײט צו צום קינד, קושט עס און אַװעק).

דאָס קינד פֿאַנגט אָן צו װײנען. רחל גײט עס װיגן. דאָס קינד פֿאַנגט אָן װיגן און װײנט װײַטער.

ר ח ל : (װיגנדיק)

דו האָסט געבאָך ניט װאָס צו װיגן. שלאָף, שלאָף, מײַן טײַבעלע. (זיצט און װיגט דאָס קינד. זינגט װיגנדיק:

שלאָף שוין, שלאָף, מײַן פֿײגעלע, מאַך שוין צו, דײַן אויגעלע
רוט דיך אויס א ביסעלע, אויף דײַן װײכן קישעלע,
שוין צײַט, שוין צײַט, מײַן טעכטעריל, מיט דײַן זיס געלעכטעריל.

(קוקט צום קינד און שמײכעלט)

װילסט ניט, װילסט ניט, מאַכע גײַן! זאָלסטו אביסל רוהיג זײַן.
הערסטו הערן, מײַן ליבטעלע, מײַן װאונדער שײן געשיכטעלע.
װען דו װעסט עס הערן, װעסטו אײַנשלאָפֿן װערן.

שלאָף שוין... און א. װ.

הער זשע, הער, נחמה'לע, מײַן טײַערע נשמה'לע
געװען איז דײַן מאַמעלע, גאָר א רײַכע דאַמעלע,
אײנציג בײַ דײַן זײדעלע, שלאָף שוין, שלאָף, מײַן מײדעלע.

שלאָף שוין... און א. װ.

הער זשע, הער, מײַן טעכטערעל, פֿון דײַן ליעבן פֿאָטערל,
בײַ דײַן זײדען דעם װירטעלע איז ער געװען א הירטעלע,
א העלדיש שײן פֿאַרשװינדעלע, שלאָף שוין, שלאָף מײַן קרױנדעלע. (צושפּיל)
זײ זשע רוהיג אביסעלע, הער זשע װײטער דאָס מעשה'לע,
אויף דעם גרינעם פֿעלדעלע, זעהט זי איהם, דעם העלדעלע,
דאַן הויבט זיך אָן א ליעבעלע, שלאָף זשע, שלאָף, מײַן טײַבעלע. (צושפּיל)

דײַן זײדע, כלבא שבועה׳לע איז א חיציג בריאה׳לע,

געפעהלט איהם ניט דאס ליעבעלע און טרײבט זי פון זײַן שטיבעלע.

אט דאס איז דאס דאאמעלע פון דײַן ארעם מאמעלע. (צושפיעל)

י ס ו פ ו ס :

(ערשײַנט, געקלײדט װי א חענדלער. דער קאפ פארהילט.

ר ח ל (שטעהט אויף)

אח, דער חענדלער!

י ס ו פ ו ס :

גוט מארגען, האט איהר נאך עפעס צו פארקויפען? הײַנט האב איך גענוג געלט.

ר ח ל :

און איך האב הײַנט גאר קײן געלט. איך װאלט אלץ פארקויפט, נאר לײדער האט איהר שוין בײַ מיר אלץ אפגעקויפט. איצט קומט מיר אויס פון הונגער צו שטארבען. אפשר האט איהר פאר מיר ארבײט?
(געהט צום װיגעלע, הארכט צום קינד, קושט עס. איהרע לאנגע האאר בארעקען די װיג.)

י ס ו פ ו ס (אפארט):

אך, װי שעהן איהרע האאר זײַנען! (בארענקט זיך) איהרע האאר מוז איך אפקויפען.

ר ח ל :

נו, האט איהר פאר מיר ארבײט?

י ס ו פ ו ס :

איז דאן פאר איך, עדעלע דאמע, צו ארבײטען! צו ארבײטען װעט איהר נאך צײט האבען, װען איהר װעט שוין האבען אלץ פארקויפט.

ר ח ל :

װאס האב איך דען נאך צו פארקויפען?

י ס ו פ ו ס :

איהר האט נאך אײן זאך, װאס איז װערט א סך געלט.

ר ח ל :

װאס איז דאס?

י ס פ ו ס :

די זאך ליגט אויף אײער קאפ, װאס װאלט אהן דעם אויך גענוג שעהן געװען.

איך קען א רײַכע דאמע, וואס וועלט פיעל געלט באצאהלט פאר אזעלכע שעהנע פערעמלאך און איהר ווילט קען איך זײ שוין אפקויפען.

ר ח ל : (באטאפט איהרע האאר)

דענקט איהר אפשר מײַנע האאר אפאוקויפען?

י ס ו פ ו ס :

יא, און איך גיב אײַך שוין פופציג גאלדענע דינרים

ר ח ל :

און ווען איהר גיט מיר אפילו אײַער גאנץ פארמעגען! (פויזע, דענקט, אויפגערעגט) און וואס וועט מײַן מאן דערצו זאגען? (דענקט) אבער די טרעקלי-כע נויטן

י ס ו פ ו ס :

וילט איהר נימ, דאן געה איך מײַן וועג. (וויל געהן)

ר ח ל :

וארט, הענדלער, באלד קריגט איהר די קרוין פון מײַן קאפ.

אט הינטער א פארהאנג. יסופוס נעהמט שנעל
פון זײַן בוזעם א פאפיער, וויקעלט עס אײַן
אין א ראלע אויפ'ן טיש און לײגט צוריק.
דעקט אפ זײַן געזיכט.

י ס ו פ ו ס :

גוט וואס דער געוועזענער פאסטוך איז נימא. יסופוס האט צו אלץ אן עצה.
ער איזשוין באגראבען טיעף. (פארדעקט זיך)

ר ח ל

(קומט צוריק מיט א זײדען טיכעל פארדעקט די האאר. א בינטעל האאר האלט זי אין האנט.)

ר ה ל :

דא האט איהר די זאך, וואס האט אזוי לאנג באציערט מײַן קאפ און איהר, געלט מענש, גיט אהער אײַערע פארדארבנע מטבעות. (גיט איהם דאס בינטעל האאר)

י ס ו פ ו ס (נעהמט די האר, באטראכט)

יא, דאס זײַנען די אײגענע. (לײגט אין בוזעם) אך, וועט זיך די דאמע פרעהען און איהר וועט קײַן נויט נימ לײדען. (נעהמט ארויס געלט, גיט איהר. זי נעהמט און געהט הינטער'ן פארהאנג) די שעהנע רחל איז שוין איצט בײ

מיר אין טאש, בא, בא, באו (אפ)

ר ח ל : (צוריק קומענדיג)

וי טייער די תאר זיינען ביי מיר געווען, אבער צוליעב דער גרויסער נויט
האב איך זיי געמוזט פארקויפען. עקיבא וועט אפילו זיין ביי, אבער ווי קען
איך צוזעהן, אז ער זאל הונגערען?

א ל י ש ב ע :

א גוטען יום טוב דיר, טייערע רחל!

ר ח ל :

זיי מיר וױלקאמען, אלישבע! און דיין מאן וואו איז?

א ל י ש ב ע :

ער האט מיר געזאגט, אז ער וועט דא זיין. ער האט קיין גערולד צו זיצען
אין שטוב, נאר אין גאס וויל ער זיין.

ר ח ל :

יא, איטער דער לוסטיגער אלישע, נאר געהיים וועט ער באלד קומען (אלישע
ערשיינט) אט קומט ער!

א ל י ש ע :

א פרעהליכען, לוסטיגען יום טוב אייך, ליעבע, יונגע, שעהנע ווייבעלעך,
וואס מאכט איהר גוטס, בשר'ע, פרומינקע טייבעלאך.

א ל י ש ב ע :

הער שוין אמאל אויף מיט דיינע געפעפערטע וויצען!

א ל י ש ע :

אבער א גאנצען טאג אין שטוב צו זיצען!

ר ח ל :

אלישע האט רעכט, ביבין שוין באלד צוגעגעסען. (קוקט צום וויגעלע)

נו, וואס זאגט איהר או מיין נחמה'לען? (אפ הינטער דעם פארהאנג)

א ל י ש ע :

אך, איז דאס א שעהנע נשמה'לע! (גלעט דאס קינד, שמיצערט)

א ל י ש ב ע (ריסט איהם אוועק):

וואס טוסטו, דו ווילדער!

א ל י ש ע :

א ל י ש ע :

מאך ניט קיין געפילדער : (שמיצערם)

א ל י ש ב ע :

וואסט דאך דאס איבערשרעקן!

א ל י ש ע :

וואסטו דאס אפלעקן. (רחל צוריק. אין האנט א קרוג מיט צוויי טעפלאך)

ר ח ל :

ליבע געסט, איהר זאלט מיר ניט אפזאגן. (שטעלט אויפ'ן טיש) היינט איז יום טוב, טרינקט אביסעל וויין, זעצט זיך, ליעבע פריינט. (זעצען זיך, רחל גיסט אן). אלישע, געדענקסטו נאך דאס קריגעל מיט די טעפעלאך?

א ל י ש ע :

געדענקסטו נאך דאס קריגעל מיט די טעפעלאך? צו איך געדענק? וואו זעהט איך דעם וויין, וואס דו האסט מיט אט די כלים אנגעטרונקען דורשטיגע ארימע לייט.

ר ח ל :

יא, מיינע ליעבע, ווען מען האט מיך פון מיין גן עדן פארטריבען האב איך ניט פארגעסען מיטצונעהמען אט די כלים, מיט וועלכע איך האב אמאל די זכיה געהאט א סך דורשטיגע צו דערפרישען. טרינקט און דערפרישט אייך!

א ל י ש ע :

איך ווינש דיר, רחל, זאלסט זוכה זיין ווידער צו טיילען פיעל וויין אין די זעלבע כלים. לחיים! (טרינקט)

ר ח ל :

אמן. און וואס זאל איך דיר ווינשען?

א ל י ש ע :

אז איבער א יאהר זאל ביי מיר הענגען אזא וויגעלע.

ר ח ל :

זאל זיין אזוי. און דיר, אלישבע, וואס זאל איך ווינשען?

א ל י ש ע

אז אין דעם וויגעלע זאל ליגען א שעהן אינגעלע.

א ל י ש ב ע

און דו זאלסט אביסעל האלטען דיין צינגעלע.

א ל י ש ע :

מײן הײב איז מיר עפּעס הײנט אנגעבלאזען.

ר ח ל :

דאס שאדט ניט. דאס איז אלץ אויס ליעבע.

א ל י ש ע :

איז דאך דאס אן אנגעבלאזענע ליעבע. דאס װיל איך ניט און איך װעל זיך אלײן בלאזען.

ר ח ל :

און אײער ליעבע װעט נאך געבען פרוכטען.

א ל י ש ע :

אבער פרוכטען — עפּעלאך, מײטעלאך און פױגעלאך.

ר ח ל :

און אינגעלאך און מײדעלאך.

א ל י ש ע :

איך דאנק דיר, רחל, פאר דײנע ברכות. נאר װאו איז דײן מאן?

ר ח ל :

דו װײסט דאך, ער זיצט א גאנצען טאג אין בית המדרש און לערנט.

א ל י ש ע :

ער איז מיר צו פלײסיג. אים יום טוב אויך אין בית המדרש? װאס װאלסטו, אלישבע, געזאגט דערצו? (נעהמט פון טיש די פאפירען און קוקט אין זײ ארײן)

א ל י ש ב ע :

װאס קוקסטו דארט? פארשטעהסט דען עפּעס אין די פאפירען?

א ל י ש ע :

װײסט װאס, אלישבע, איך װעל מיך נעהמען צום לערנען. (נעהמט פון טיש א ראלע, עפענט אויף און עס פאלט ארויס א דאקומענט)

ר ח ל : (הויבט אויף באטראכט)

װאס זאל דאס באדײטען? זאל ער גאר אין דעם אויפשטאנד אנטײל נעהמען? די זאך געפעלט מיר גאר ניט. (פויזע, אומרוהיג). װאו נעהם איך איהם איצט?

א ל י ש ב ע : (הויבט זיך אויף)

א ל י ש ב ע :

האט פאר א שטיקל האסטו שוין ווידער אנגעארבעט, אלישע?

א ל י ש ע : (שטעלא זיך אויף)

אז דארט האט מען ארײנגעלײגט און דארט איז ארויסגעפאלען.

ר ח ל :

אלישע איז נים שולדיג. אין געגענטײל, א דאנק איהם האב איך ערפאהרען

א וויכטיגע זאך. אה, האט טוט מען? וואו נעהמט מען איהם? (אפ הינטער פארהאנג)

א ל י ש ע :

זעה מײן ווײב, ווי מען ליעבט א מאן!

א ל י ש ב ע :

לאז מיך שוין אמאל צורוה מיט דײן ליעבע.

ר ח ל (צוריק, אײנגעהילט אין א מאנטעל)

מײנע געסט, איהר וועט דא אביסעל זײן. איך געה נאך עקיבא'ן.

א ל י ש ב ע :

אפשר וואלט געווען בעסער, אז אלישע זאל געהן?

א ל י ש ע :

איך געה שוין, איך געה שוין! (וויל לויפען)

ר ח ל :

שטעה, אלישע, בלײב דא. איך אלײן וועל געהן.

א ל י ש ע (שטעלט זיך גלײך)

איך שטעה שוין, איך בלײב שוין!

א ל י ש ב ע :

וועל איך מיטגעהן.

ר ח ל :

און ווען מײן קינד וועט זיך אויפכאפען (קוקט צום קינד).

א ל י ש ב ע :

וועט אלישע עס צוואויגען.

א ל י ש ע (לויפט צום וויגעלע)

איך וויג שוין, איך שאקעל שוין ! (וויגט)

א ל י ש ב ע :

הערסט ניט וואס מען רעדט? ווען עס וועט זיך אויפכאפן וואלסטו עס צואוויגען.

א ל י ש ע (שטעלט זיך גלייך)

איך הער שוין, איך וואַרט שוין!

ר ח ל :

בלייב דא, אלישע, מיר קומען באלד צוריק. זעץ זיך. (ביידע אפ)

א ל י ש ע :

איך בין שוין דא, איך זיץ שוין. אי, איז דאס א רחל! ליעבט זי שוין איינמאל איהר מאן! איינמאל? ניין! — איין מאל, צוויי מאל, דריי מאל, טויזענד מאל, אימער און אייביג. ביטאג, ביינאכט, ראש חודש און יום טוב און לעולם ועד. אזא מין ליבע! קרוינעניו, הארצעניו, קוצעניו, מוצעניו. זי רופט עס ריינע ליעבע, כא, כא, כאן ריינע ליעבע, ווי קען דאס זיין? ליעבע, זאג איך, איז ווי ווין, וואס מוז זיין געמישט, זאנסט פארשיכורט עס צום טויט. מיין אלישבע ליעבט מיך אויך, דאך מישט זי איהר ליעבע מיט אנדערע גוטע זאכען — מיט א בייזען בליק, א שעהנע קללה, א פאטש אין פיסק. גיט זי אבער א קוש אין בעקעל אריין דאן שמעקט עס זעהר זיס. ליעבע מוז זיין בעמיש געמישט, וויל ליבע איז ווי ווין. (זינגט)

ליעבע, זאג איך, איז ווי ווין
וואס מוז זיין געמישט
אזעלכער טרינקט זיך לייכט און פיין
און מען ווערט דערפרישט
פונקט אזוי איז מיט ליעבע
צווישען מאן און ווייב
גיבט עס ציימען גאר טריבע
ליעבען גלוסט ניט דאן,
דארף מען וויסען, ווי צו מישען
בעמיש מוז מען זיין
ניט צו גיסען צופיל זיסען
וויל ליעבע איז ווי ווין.

ווין מען טרינקט זעהר אפט
קעל ווערט עס באלד
דאן טרינקט מען ניט, נאר מען זויפט
ביז מען ענדליך פאלט
מיט ליעבע איז אויך דער פאל
ווען מען פיעל געניסט
ווערט זי דאמאלס ביטער גאל
ביז זי ווערט פארמיאוסט
דארף מען וויסען, ווי געניסען
איינגעהאלטען זיין,
ניט פארמיאוסען, ליעבעס ביסען
וויל ליעבע איז ווי ווין.

א װ״בעל האב איך, איז זי שעהן, אויגען ט״העל־שװארץ,
און זי ציהט מיך צו װי װ״ן, נעהמט מיר צו מ״ן הארץ.
איז זי אבער צופיל ה״מיש, פאטשט אין פנים גאר:
ליבע, זאגט זי, מוז ז״ן כעמיש, האב דיר א גוט יאהר.
װילסטו װיסען דעם טעם פון קישען, מוזטו געדולדיג ז״ן,
פעטש װי קושען, גל״ך באגריסען, װ״ל ליעבע איז װי װ״ן.

דאס קינד װ״נט. ער לויפט צו צום װיגעל
עס װערט שטיל.

שא, שא, האלט זיך א״ן אבימעלע ביז די מאמע װעט קומען. דו װעסט שפעטער װ״נען.

(װיגט און זינגט קינדעריש)

שא, שוין, שא, נחמה׳לע, שלאף שוין, שלאף, נשמה׳לע
האלט זיך א״ן אבימעלע, מיט ד״ן שעהנעם שמיעטעלע.

(דאס קינד װ״נט שטארקער)

ניט קײן מיאוס שטופעלע. אח, דו שפילסט דאך גאר ארטיסטיש— א שטיק און א פויזע. אח, איך האב פארגעסען, דו װ״נסט אויף ליעבע. ה״נט איז יום טוב װילסטו אויך שפאנצירען, אויך אויסקל״בען א חתן. נו, קום! (נעהמט עס ארויס, װיקעלט עס א״ן) אט בין איך מיר א ניאנקעלע, און האלט מיר די פרוכט פון ליעבע: נו, קום שפאנצירען. (אפ)

(פויזע. אויפטריט רחל, אלישבע און עקיבא
אנגעטהאן אלס תלמודיסט)

ר ח ל (קומט אין װיגעלע):

דאס קינד איז ניטא, אלישע איז ניטא. װאס קען דאס ז״ן:

א ל י ש ב ע :

דער װילדער, ער איז געװיס ערגעץ ארויסגעגאנגען אין אזא שלעכטען װעטער.

ע ק י ב א :

און אזוי שפעט דערצו.

ר ח ל :

געװיס האט דאס קינד געװ״נט. אח, װי ליעב ער האט מ״ן נחמה׳לע!

א ל י ש ב ע :

איך געה איהם אויפזוכען. (אפ)

ע ק י ב א:

מ"ערע רחל, איז עפעס פארגעקומען? ווי אומרוהיג דו ביזט!

ר ח ל:

זאג מיר דעם אמת, עקיבא, נעהסטו אנמ"ל אין דעם אויפשטאנד?

ע ק י ב א:

אנמ"ל אין דעם אויפשטאנד-- ווי פאלט דיר איין דאס גאר צו דענקען?

ר ח ל:

זאגסטו מיר דעם אמת?

ע ק י ב א:

האב איך דיר ווען עס איז ניט געזאגט דעם אמת? האב איך עפעס געטהאן ווען ניט איז אהן דיין וויסען?

ר ח ל:

האסט רעכט, מ"ן ליעבער. אבער וואס איז דאס? (נעהמט ארויס דאס פאפיר, וו"זט איהם) דאס האב איך צופעליג געפונען צווישען ד"נע פאפירען.

ע ק י ב א (כאפט ארויס דעם פאפיר און קוקט)

גלויב ניט, רחל, אזעלכע זאכען אויף מיר. דאס האט מען מיר אונטערגעוואר-פען. דא לויערט מען אויף מ"ן לעבען.

ר ח ל (ברעכט די הענט):

אויף ד"ן לעבען? (נעהמט איהם ארום, קושט איהם. ער קושט זי')

ע ק י ב א:

יא, אויף מ"ן לעבען און איך האב ק"ן אהנונג פון מ"ן דאקומענט.

ר ח ל:

נו, וואס וועט ז"ן? מען מוז דאך אן עצה זוכען. וואס טוט מען?

ע ק י ב א:

מ"ן עצה איז, אז איך זאל זיך אויף א קורצער צ"ט זיך באהאלטען. אבער וואס וועט ז"ן מיט דיר, מ"ן ליעבע? אה, ווער קען ז"ן דער שונא, וואס וויל מ"ן בלוט?

ר ח ל:

שונאים האבען מיר גענוג, אבוואהל מיר האבען ק"נעם ק"ן שלעכטס ניט געטהאן. איצט איז אבער ק"ן צ"ט ניט צו קלעהרען. דו מוזט באלד אוועק פון ירושלים.

עקיבא:

פון דיר אװעקפאהרען, ליעבסטו מיך ניט מעהר?

רחל:

צװײפעלסט נאך אין מײן ליעבע צו דיר?

עקיבא:

אבער װי אזױ װעל איך קענען אהן דיר לעבען?

רחל:

דא איז אבער אײנגעשטעלט דײן לעבען.

עקיבא:

אבער װער װעט דיך שיצען?

רחל:

דער גרױסער גוטער גאט װעט מיך שיצען.

עקיבא:

העסטו אפשר צוריקגעהן צו דײן פאטער?

רחל:

אה, נײן, צוריק צום פאטער הײסט אװעק פון דיר.

עקיבא:

און װער װעט דיך מיט אונזער קינד דערנעהרען?

רחל:

זארג ניט, איך האב נאך פארלױפיג גענוג געלט. איך קען נאך דיר מיטגעבען.

עקיבא:

פון װאנען האסטו געלט?

רחל (נעהמט פון זיך אראפ דעם קאפ טיבעל)

איך האב פארקױפט מײן ליעבלינג.

עקיבא (העבסט באטריבט)

דײנע מײרע, גאלדענע האר האסטו פארקױפט?

רחל:

נו, װאס דען, לעבען אין נױט איבעריגענס, װען דו פאהרסט אװעק דארף איך ניט קײן האר. און װען דו װעסט צוריקקומען װעל איך אנדערע, שעה-

נעארע תאבען.

ע ק י ב א :

מ"ן גאט, אחן דיר צו לעבען? דיך אל"ן איבערצולאזען? (וו"נט)

ר ח ל :

וו"ן דאך נ"ט, מ"ן ליעבער. ווי זאגט ד"ן ר" נחום : גם זו לטובה.

ע ק י ב ע :

אבער וואוח"ן זאל איך געהן?

ר ח ל :

וועסט מיך פאלגען?

ע ק י ב א :

אזוי ווי איך תאב דיך שטענדיג געפאלגט. ד"ן ווארט איז ב" מיר ת"ליג.

ר ח ל :

פאחר ק"ן יבנה, דארט איז א גרויסע ישיבה. דארט וועסטו גרויס ווערען
און איך וועל אויף דירווארטען, לאנג ווארטען.

ע ק י ב א :

ד"ן ווארט איז ב" מיר געטליך. איך וו"ס אז דו וועסט אויף מיר ווארטען.
אבער ווי לאנג וועסטו אויך ל"דען?

ר ח ל :

א"ן נאמען פון אונזער ליעבע בעט איך ב" דיר, אז דו זאלסט דא לאנג
נ"ט פארזאמען. מען קען נאך דיך דא באפאלען און מיר ז"נען אומגליקליך.
מיר מוזען זיך ש"דען. דא האסטו געלט אויפ'ן וועג. (נעחמט ארויס געלט,
ג"ט איחם. ער באחאלט עס.)

ע ק י ב א :

אח, ווי גוט דו ביסט, ווי ת"ליג דו ביסט! (וו"נט)

ר ח ל :

וו"ן דאך נ"ט. איך קען דיך נ"ט הערען וו"נען. איך וועל דאס נ"ט אויסחאלטען!

ע ק י ב א (אויפחאכענדיג)

דו האסט רעכט, מ"ן ליעבסטע, איך טאר איצט נ"ט וו"נען. א העלד מוז איך
ז"ן, אזוי ווי דו ביסט איצט העלדיש געשטימט. (זינגט)

יאָ, שײדען מוז איך מיך אצינד,

פון גן עדן, פון װײב און קינד.   (בײדע)

יאָ, יאָ, מײן מאן (ערז װײב), װער װײסט ביז װאן,

נאָר שײדען, פֿרוין, מוז מען זיך שוין.

ע ק י ב א :

אח, װי שװער עס איז ארויסצורײדען דאס קלײנע װארט „שײדען".

ר ח ל : ניט זארג, ניט קלאהר.

ע ק י ב א : איך זארג ניט מעהר.

ר ח ל : ניט װײן, קײן טרעהר.

עקיבא: איך װײן ניט מעהר.

ב ײ ד ע : קײן קלער ניט, קײן טרער ניט, שײדען זיך אויף א לאנגע צײט.

קײן קלער ניט, קײן טרעהר ניט, ניט שװער ניט דיך צו ליעבען

גאָר פון דער הײם

ר ח ל : גיב זשע מיר דײן האנט (רײכט איהם איהר האנט)

ע ק י ב א : פעסט איז אונזער באנד (רײכט איהר די האנד)

ר ח ל : נעהם ארום מיך אויך.

ע ק י ב א : הויך די ליעבע, הויך (נעהמען זיך ארום)

ר ח ל : גיב אהער דײן מונד.

ע ק י ב א : יא, פון טיפען גרונד.

קושען זיך, שײדען זיך. זי בלײבט שטעהן
ער געהט ר׳קװערטס צום טיר. בײדע הויך די
הענט.

ב ײ ד ע : הײל גאָט אונזער װאונד,

בלײב מיר, בלײב געזונט.

(עקיבא אפ)

פ אָ ר ה א נ ג

פאלט לאנגזאם

פ ע ר ט ע ר א ק ט

דריטען

פיער און צוואנציג יאהר שפעטער. דעקאראציאן ווי אין [illegible] אקט נאר אהן דעם היגעלע. אויף א בענקעל ארום דעם טיש זיצט רחל, געעלטערט, נאר מיט דעם זעלבען פום, ארעם געקליידעט, נאר קענטיג אז זי איז אמאל רייך געוועזן. נעבען איהר, אנגעלעהנט אויף איהרע אקסלען, זיצט איהר טאכטער, נחמה, 25 יאהר אלט, איינפאך געקליידט, אביסעל פוטלאז.

ר ח ל (זינגט):

הער מײן טאכטער, קרוין,

מײן ניט שטילער, שוין. כאטש די נויט איז גרויס,

האף דאך טאג טעגליך.

בײ גאט איז דאך אלץ מעגליך, ער העלפט אימער ארויס.

אויך די שלעכטע צײטען,

אימער טוען זיך בײטען, און גוטס קומט דאך צוריק.

און ווען מען ענדליך דערלעבט,

דאס, צו וואס מען האט געשטרעבט, איז טאפעל דאן דאס גליק.

ב ײ ד ע:

אין די ערגסטע צײטען מוז מען גאט בעטען

דאן הערט דיר לײבט דײן שמערץ.

קריגסט דאן דעם בטחון,

שיקט דיר גאט נצחון, און פרעהלאך איז דיר דײן הערץ.

ר ח ל:

ווארט זשע מיט מיר מיט

און פארצווייפעל ניט, אונזער הילף קומט באלד אויך.

דאס איז גאר ניט ווײט,

אלץ האט זײן צײט, נידריג הערט ווען הויך.

דײן פאטער, מײן מאן.

קומען וועט ער ענדליך דאן, און מיר זײנען רײך.

מיט רוח צופריעדענהײט,

גליקליכע פאמיליען פרייד, ווער איז אונז דאן גלײך?

ב ײ ד ע:

אין די ערסטע צײטען... און א. וו.

נ ח מ ה : דאך באוואונדער איך דיך, ליעבע מוטער, מיט דיין אייזערנעם געדולד און לאנגען ווארטען. ביי מיר זיינען די לאנגע האפנונגען, ליידער, א הארץ קראנקהייט.

ר ח ל : (שפרינגט אויף): וואס רעדסטו, מיין טאכטער?

נ ח מ ה (שטעהט אויף): דאס וואס דו הערסט, ליעבע מוטער, ביי מיר האט זיך שוין לאנג דערוועקט א צווייפעל, אויב...

ר ח ל : אויב וואס? זאג מיר, מיין קינד, נאר דעם אמת!

נ ח מ ה : אויב ער איז דיר ניט אומטריי געווארען און אויב ער לעבט גארן?

ר ח ל : אך, גאט, ווי קען מען גאר אזעלכעס דענקען?

נ ח מ ה : ווי קען מען גאר אנדערש דענקען, אויב מען הערט ניט פון א מענשען שוין עטליכע יאהר קיין נאכריכט?

ר ח ל : מען קען נאך אלץ אנדערש דענקען און איך דענק עס אזוי.
אז ער לעבט בין איך זיכער. מיין הארץ זאגט עס מיר, אז מיינע
24 יאהר ווארטען און דולדען וועט זיך ניט ענדיגען אזוי טראגיש.
און וועגען זיין אומטריישאפט וועל איך זיך קיינמאל ניט לאזען איינריידען.

נ ח מ ה : אבער שוין פינף יאהר אז מיר האבען ניט פון איהם קיין ידיעה.

ר ח ל : געוויס איז דא דערביי אן אורזאכע. אויף איהם קען מען קיין פראגעס ניט פרעגען. מיט צוועלף יאהר צוריק איז ער שוין געשטאנען אונטער אונזער מיר, אבער ווען ער האט דערהערט מיך זיך אויסדריקען, אז איך בין גרייט צו ווארטען נאך צוועלף יאהר כדי ער זאל זיך צוריקקעהרען א גדול בתורה, איז ער גלייך צוריק אוועק.

נ ח מ ה : ווירקליך, וואונדער אויסגעהאלטען. איך הייס אבער ניט צו וואס דאס נוצט. ליעבע קען דאס געוויס ניט אנגערופען ווערען.

ר ח ל : ביי מיר איז דאס אבער די ריינסטע ליעבע, דער גרעסטער קרבון צוליעב מיר.

נ ח מ ה : און איך דענק אז דו גלויבסט אין איהם צופיעל.

ר ח ל : מיין טאכטער, דאס זיינען ניט דיינע רייד.

נ ח מ ה : נאר וועמעס?

ר ח ל : דאס האט דיר יהושע איינגערעדט.

נ ח מ ה : איך הייב ניט די אורזאך, פארוואס דו האסט אזוי דעם גוטען

יסופוס, ווערענד ער האט פאר אונז אזוי פיעל גוטס געטהאן.

ר ח ל : די אורזאך דערפון ווייס איך אליין ניט, אבער מיין הארץ זאגט
מיר אז דער מאן טוט אונז ניט בלויז גוטס, און דאס וואס ער רויבט
ביי דיר די האפנונגען איז יעדענפאלס ניט קיין גוטעס.

נ ח מ ה : אנשטאדט די פאלשע האפנונגען וואס ער רויבט ביי מיר גיט ער
מיר אמת'ע האפנונגען.

ר ח ל : וועלכע לאקען דיך זעהר אן, ווייל די ביסט נאך זעהר נאיט.
אבער מיר זיינען שוין גענוג באקאנט זיינע שריפטען, וועלכע זיינען
פו   פול מיט דעם רוימישען גייסט און איך האלט דיר געראטען זיינע
שריפטען איינגאנצען ניט צו לייענען.

נ ח מ ה : און איך זעה אין זיינע שריפטען לויטער שעהנקייט.

ר ח ל : אבער ניט אלץ וואס בלענדט איז ליכט.

נ ח מ ה : און דאך צייגט ער אונז אזוי פיעל גוטסקייט.

ר ח ל : ווייל ער וויל דיך קריגען.

נ ח מ ה (פארשעהמט): קען מען דאס איהם צום שלעכטען צושרייבען?

ר ח ל : ניין, קיין שלעכטען געשמאק האט ער געוויס ניט, אבער דאך קען
דאס קיין גוטע פאלגען ניט ברייגגען.

נ ח מ ה (זעצט זיך אויפגערעגט): ווארום דען?

ר ח ל : ווייל, ערשטענס, מוזען מיר מיט אזא וויכטיגער זאך ווארטען ביז
דיין פאטער וועט קומען. איך האב דאס יסופוס אויך דאס געגעבען צו
פארשטעהן.

נ ח מ ה (אומגעדולדיג) און צווייטענס?

ר ח ל : ווייסט דאך אליין, אז יסופוס איז שוין ניט מעהר קיין יונגער מאן.

נ ח מ ה : אויך דיין מאן איז ניט געווען זעהר יונג, ווען דו האסט איהם
דיין וואהרע ליעבע געשענקט.

ר ח ל : און דאך האב איך איהם אויסגעוועהלט אנשטאדט דיין אמאליגען
„יונגען".

נ ח מ ה (אויפשטעלענדיג) אנשטאדט וועמען?

ר ח ל : אנשטאדט דעם בעריהמטען רוימישען שריפטשטעלער, אמאליגער מיט-
גליעד פון סנהדרין, יסופוס.

נ ח מ ה : איז דאס אמת?

ר ח ל : אזוי אמת, ווי גאט לעבט. נאך דאן האט ער זעהר זיס גערעדט, שעהן געשריבען, געגלענצט און געבלענדט מיך מיט זײנע ליעבעס ערקלעהרונגען און גליקליך וואלט ער זיך דאן געשעצט מיט מײן „יא ווארט".

נ ח מ ה : און דו האסט איהם פארשטויסען?

ר ח ל : יא, מײן טאכטער, ווײל אין מײן הארצען האבען זײנע גלאטיגע רײד דעם מינדעסטען אפקלאנג ניט ארויסגערופען.

נ ח מ ה : וואלסטו דען מיט איהם ניט גליקליכער געווען?

ר ח ל : מעגליך, מײן טאכטער, אבער וואו מען זוכט גליק געפינט מען ניט קײן ליעבע.

נ ח מ ה (פארדעכטיג): אפשר באדויערסטו דײן פעהלער, גיב איך דיר איהם אוועק.

ר ח ל (בײז): אח, מײן טאכטער, צו גרויזאם איז דײן פארדאכט, צוליעב דעם האב איך געדארפט 24 יאהר ווארטען און לײדען, כדי צו אינטריגירען מײן אײגענע טאכטער אויס אויפערזוכט? און צוליעב דעם מאן, וועלכען איך האב אמאל אוועקגעווארפען? (ווײנט היסטעריש) אח, צו וואס די בלינדע ליעבע קען ברײנגען! (לאנגזאם אפ).

נ ח מ ה : בלינדע ליעבע. (דענקט) נאר ווער ווײס, אויב זי האט ניט רעכט? (פויזע) יא, קײן אינערליכע ליעבע האב איך צו איהם קײנמאל געפיהלט. (ענטשלאסען) רעכט האסטו, ליעבע מוטער. (זיפצט) ווער קען נאך אזוי ליעבען, אינערליך ליעבען, ווי דו? (געפינט אויף׳ן באנק א טיכעל און הילט זיך אײן) ווי פארברעכעריש האב איך הײנט געהאנדעלט קעגען דיר, ליעבע מוטער? (ווײנט. אפ. פויזע.)

י ס ו פ ו ס (ערשײנט. קוקט הינטער דעם פארהאנג): דא איז קײנער ניטא? קענסט עפענען דײן הײליגען פנים, אמאליגער כהן.

א ל ע ז ר (ענטהילט זיך): מעגסט שוין פון מיר שפאסען, ווײל דו האלסט שוין בײם ברעג.

י ס ו פ ו ס : בײם ברעג? ענטשולדיג, ליעבער פרײנט, נאר איך איך בין אביסעל אומגעדולדיג. האסטו דען ניט באמערקט די שעהנע נחמה׳לע, ווי אויפגערעגט זי איז הײנט? דאס לײדט זי געווים פון איהר

איינגעשפארטער מוטער. (קוקט זיך ארום) את, זי קען נאך באלד קומען.
וואס שוין ענדליך א גט געבראכט?

א ל ע ז ר : א גט פאר וועמען?

י ס ו פ ו ס : וואס הייסט, פאר וועמען? דו געמיינער ליגנער, אליין זאגסטו
אז איך האלט שוין ביים ברעג! צוליעב וואס האב איך דיך געשיקט?

א ל ע ז ר : נאר נים געצוידעלט! דו האסט מיך געשיקט אז איך זאל פון
רחלים טאן ארויסקריגען פאר איהר א גט.

י ס ו פ ו ס : שטיל, מען קען נאך הערען. דאס ווייס איך אליין. נאר וויסען
וויל איך, אויב דו האסט מיין פארלאנג דערפילט.

א ל ע ז ר : מיין ווארט האב איך געהאלטען, די זאך איז אפגעטהאן.

י ס ו פ ו ס : וואס זשע קווינקעלסטו זיך? ווייז שוין מיר אמאל דעם גט.

א ל ע ז ר : פריהער אבער מוזטו דיין ווארט האלטען.

י ס ו פ ו ס : האסט רעכט, קריגסט דאס דיינינגע. (נעהמט ארויס א ביימעל
געלט, גיט איהם.)

א ל ע ז ר (וויל נים נעהמען) : נים דאס איז דאס מיינינגע, נאר דאס
וואס דו האסט מיר פארשפראכען.

י ס ו פ ו ס : אנדערש געהט נימ?

א ל ע ז ר : ניין!

י ס ו פ ו ס : זאג זשע מיר, צוליעב וואס זיינען דיר רחלים האאר אזוי
וויכטיג?

א ל ע ז ר : צוליעב דעם, וואס זיי זיינען דיר אזוי וויכטיג געווען.
ווייסט דען נים אז איך האב זי אויך אמאל געליעבט?

י ס ו פ ו ס : און דו ליעבסט זי נאך איצט אויך?

א ל ע ז ר : זי וועט אבער מיך קיינמאל נים ליעבען, דאריבער האב איך די
ליעבע אויפגעגעבען. נאר איהרע האאר וויל איך האבען אלס אנדענקען.

י ס ו פ ו ס (לייגט צוריק דעם ביימעל. נעהמט ארויס א ביינטעל האאר,
גיט איהם): זאל זיין אלס אנדענקען. יסופוס האלט ווארט! אבער
באלד הייגט מוזטו נאך רוים אפפארען. איך האב דארט פאר דיר א
וויכטיגע אויפגאבע.

א ל ע ז ר : דיינע אויפגאבען בין איך אימער גרייט צו דערפילען.

י ס ו פ ו ס : זאָלסט אָבער היטען מ״ן געה״מניס.

א ל ע ז ר : דו ו״סט דאָך, אז ד״נע געה״מניסען ז״נען ב״ מיר טיעף באַגראָבען.

י ס ו פ ו ס : ר״ד ניט פיעל און צ״ג שוין מיר אַמאָל דאָס „גליקליכע פאַפּירעל״.

א ל ע ז ר (נעהמט ארויס א פאַפּירעל) דאָס איז פאר דיר „גליקליכע״ און פאר רחל׳ן „אומגליקליכע״ פאַפּירעל.

י ס ו פ ו ס (באַטס, קוקט אר״ן, וואַרפט אַוועק) דאָס איז ב״ דיר א גנז

א ל ע ז ר (הויבט אויף באַהאַלט עס): וואָס ביסטו אין כעס? וועט דען ניט ז״ן פיעל בעסער, אז דער חנא בן יוסף, וואָס וועט ה״נט נאָך ירושלים קומען, זאָל איהר מיט ז״נע א״גענע הענט דעם גט דערלאַנגען?

י ס ו פ ו ס : וואָרום דען?

א ל ע ז ר : אזוי באַריהמט קלוג ביסטו, אָבער דאָך פאַרשטעהסטו ניט, אז ווען איך זאָל איהר דעם גט איבערגעבען וועט מען מיך צום בית דין פיהרען און אזוי לאַנג פראַגען שטעלען ביז דער גט קען נאָך פסול ווערען. אַנדערש איז אָבער, ווען ער אל״ן ש״בט איהר, אז אויב זי וויל פון איהם ווערען זאָל זי זיך ווענדען צום חנא בן יוסף.

י ס ו פ ו ס : און וואָס וועט דאַן ז״ן?

א ל ע ז ר : וועט ער איהר עפּענטליך דעם גט איבערגעבען.

י ס ו פ ו ס (מיט פר״ד) אַך, יאָ. דעם חנא וועט מען ק״ן איבעריגע פראַגען ניט שטעלען. האָסט רעכט, אלעזר, ד״ן פּלאַן איז אויסגעצ״כענט. נאָר וואָס האָב איך איצט צו טהאָן?

א ל ע ז ר : ניט מעהר ווי אביסעל געדולדיג ז״ן און באַנאַכריכטען דעם אלטען כלבא שבוע, אז ער זאָל זיך פרעהען און אויך ז״ן ב״ דער גט סצענע.

י ס ו פ ו ס : האָסט רעכט, קלוגער אלעזר. אָה, ווי וועט דיך דער אלטער באַלוינען.

א ל ע ז ר : און ז״ן א״ניקעל, ד״ן צוקונפטיגע פרוי, וועט כאַפּען פון איהם א שעהנעם נדן.

י ס ו פ ו ס : און צו ז״ן פאַרמעגען וועל איך ז״ן א האַלבער, אויב

ניט קײן גאנצער יורש. אך, ס'ווערט שפעט, איך מוז לויפען. דו

וועסט איהר דעם בריעף איבערגעבען און גלײך געהן צו כלבא שבועה.

איך וועל דיך פון דארט נאך רויט שיקען. (אפ)

א ל ע ז ר (קוקט נאך ב"ז): געה, פרעה זיך מיט דעם אלטען נאר, דו

נידערטרעכטיגער בעל טאות'ניק ; וועניג וואסטו מיט יאהרען צוריק צוליעב

דײן אזוי געגאנטער ליעבע צו רחל'ן איהר פארביטערט דאס לעבען: יעצט

ווילט זיך דיר שפיעלען א צווייטע ליעבע מיט איהר שעהנער טאכטער. צוליעב

דײנע געמײנע לײדענשאפטען ווילסטו חרב מאכען א גאנצע הויז? עס איז

דיר אבער ניט געלונגען, ווײל עס לעבען נאך דײנע אמאליגע געגנער: איך

דײן בלוטיגער פײנט און דער חנא בן יוסף, וואס איז ניט קײן אנדערער,

ווי עקיבא, דײן אמאליגער געגנער. מיר בײדע וועלען איצט קעמפען קעגען

דיר, דײן מאסקע ארונטערײסען. לעבען זאל מײן אידעאל: וואס צוליעב איהם

האב איך מײן ליעבע צו רחל'ן אויפגעגעבען. מײן „ליעבע" איז איצט ראכע,

ראכע צום העסליכען אינטריגאנט און אן אויפשטאנד קעגען די רוימער:

(טרעט הינטער די קוליסען) אך, מען געהט, דאמען־טריט, געהט רחל מיט

דער טאכטער. ווי לאנג האב איך שוין רחל'ן ניט געזעהן: (פארהילט זיך)

ווי איבעראשט זי וועט איצט ווערען: (אויפטריט רחל און נחמה)

ר ח ל (צו נחמה) זעהסטו מײן טאכטער, מיר האבען פארבראכט און דא

ווארט אויף אונז א גאסט. (צו אלעזר) מיט וואס קען איך אײך דיענען?

איהר זײט, זעה איך, הונגעריג און דורשטיג... און דא האב איך

גארניט אין שטוב. (לויפט הין און צוריק) וואס טוט מען, מײן

טאכטער?

נ ח מ ה : מיר שײנט אז מיר האבען נאך א שטיקעל ברויט און פריש

וואסער איז אויך דא אין הויז. (לויפט הינטער דעם פארהאנג)

א ל ע ז ר : נאך אלץ דיזעלבע גוטע רחל: און איהר טאכטער, ווי עהנליך

זי איז צו איהר:

ר ח ל נ ח מ ה (ערשײנען. טראגען ברויט און פריש וואסער. לײגען

אויפ'ן טיש).

ר ח ל : זעצט זיך, ליעבער גאסט, ווי מיעד איהר זײט!

נ ח מ ה : זעצט זיך, און נעהמט ניט פאר אומגוט די שלעכטע אויפנאהמע.

א ל ע ז ר: אײער אויפנאחמע איז מיר זעהר געפעהלען. מיעד בין
איך ניט, אבמאהל איך קום פון א גאנץ װײטען װעג.

ר ח ל: פון װאנען קומט איהר דען?

א ל ע ז ר: פון יבנה.

ב ײ ד ע: װירקליך?

א ל ע ז ר: יא, איך האב אײך א בריעף געבראכט. (נעהמט ארויס א בריעף,
גיט איהר).

ר ח ל (נעהמט, איבערראשט): א בריעף פון דײן פאטער, נחמה. (עפענט, לײענט)

נ ח מ ה: גאנץ געװיס, לעז נאר, ליעבע מוטער! (קוקט אין בריעף)

ר ח ל (לעזט): „ליעבע רחל, אויב דו װילסט פון מיר װיסען זאלסטו זיך
װענדען צו דעם תנא בן יוסף, װעלכער קומט נאך ירושלים. לעב
װאויל. דײן מאן, עקיבא."

נ ח מ ה (איראניש) כא, כא, כא! אויף דעם־האבען מיר געדארפט פינף
יאהר װארטען! און אז ער האט א טאכטער פארגעסט ער גאר אינגאנצען!

ר ח ל (העכסט אויפגערעגט) הערסטו, מײן טאכטער? (לאזט פאלען דעם בריעף)
דאס קלײנע בריװעל געפעהלט מיר גארניט. (היסטעריש) כא, כא, כא!
אויב איך װיל פון איהם הערען?! דענקט ער דען, אז איך װיל פון איהם
ניט װיסען? און איך זאל זיך ערשט װענדען צו א תנא בן יוסף!
(צו אלעזר) אבער קענט איהר מיר ניט זאגען, װאס עס הערט זיך
בײ מײן מאן?

א ל ע ז ר: איך האב דעם בריעף ניט איבערגענומען פון אײער מאן.

ר ח ל: נאר פון װעמען?

א ל ע ז ר: פון דעם תנא בן יוסף, װאס װעט הײנט נאך אין ירושלים
קומען.

ר ח ל (פארדעכטיג) א תנא בן יוסף! די זאך געפעהלט מיר גארניט.

נ ח מ ה: מערקװירדיג!

א ל ע ז ר: מײנע ליעבע, זײט ניט פארזארגט, דער תנא האט אײך געהײסען
צו איהם קומען. קײן שלעכטס װעט פון קײן תנא ניט ארויסקומען.
אויף װידערזעהן. איך מוז לויפען, עס װערט שפעט. (אפ)

נ ח מ ה: װי געהײמניספול דער מאן איז!

ר ח ל : אבער ווי באקאנט מיר איז זײן שטימע. דאכט מיר, אז איך האב

זײן שטימע שוין אמאל געהערט. (אויפטרעטי ר׳ נחום, שטארק געעלטערט)

נ ח ו ם : פרײדען צו אײך, ליעבע קינדערן! ואס שטעהט איהר אזוי פארקלעהרט?(

(בײדע אקעגען איהם, זעצען איהם)

ר ח ל : זיצט, ר׳ נחום, איך האב אײך וויכטיגעס מיטצוטײלען.

נ ח ו ם : ווען וויכטיגעס, בין איך גרײט אויסצוהערען.

ר ח ל : איך האב דערהאלטען א בריעף פון מײן מאן.

נ ח ו ם : פון דײן מאן? גם זו לטובה. ואס שרײבט ער?

ר ח ל : גאנץ קורץ, אז איך זאל זיך ווענדען צו א געוויסען חנא בן

יוסף, ואס וועט הײנט נאך ירושלים קומען.

נ ח ו ם : און ואס וועט דאן זײן?

ר ח ל : מעהר שרײבט ער ניט. איך מוז אײך דעם אמת זאגען, אז דער

בריעף האט מיר מעהר זארג פארשאפט, ווי פארגניגען.

נ ח מ ה : איך דענק אויך אזוי.

נ ח ו ם : זארגט זיך ניט, ליעבע קינדער, גם זו לטובה! געוויס האט

ער אײך וויכטיגע זאכען מיטצוטײלען, ואס מען קען קײן אײנפאכען

שליח ניט פארטרויען. איך, פון מײן זײט, קען אײך אויך גוטעס

מיטצוטײלען.

ב ײ דע : ואס איז?

נ ח ו ם : אז אײער פאטער וויל מיט אײך פריעדען שליסען און ער האט

באשלאסען זיך מתיר נדר זײן בײ דעמזעלבען חנא, בן יוסף.

ר ח ל : פון וואנען ווײסט איהר דאס?

נ ח ו ם : טרעפענדיג זיך אויפ׳ן וועג מיט יהושע׳ן האט ער דאס מיר

מיטגעטײלט.

נ ח מ ה (קלאטשט): אך, ווי גליקליך דו וועסט איצט זײן, ליעבע שוועסטער!

ר ח ל : יא, ליעבע טאכטער. אבער דאס ואס דײן פאטער וויל פלוצים מיט

מיר פריעדען שליסען, איבערהויפט ואס יהושע מישט זיך אין דער

זאך איז מיר זעהר פארדעכטיג.

נ ח ו ם : צוליעב ואס זאלט איהר דאס אלץ צום שלעכטען אויסלײגען?

א בריעף פון דײן מאן האסטו דערהאלטען. דײן פאטער וויל מיט דיר

פריעדען שליסען. טא זאגט זשע קינדער: „גם זו לטובה״!

אויספטרים א ל י ש ע, א ל י ש ב ע

ר ח ל: נו, וואס דערצעהלט איהר נייעס?

א ל י ש ע: נייעס? עס וועט שוין באלד הייסען אלטעס.

נ ח מ ה: וואס איז דען?

א ל י ש ע: גאנץ ירושלים קאכט און זידט איצט ווי א קעסעל מיט דעם גרויסע תנא... ווי הייסט ער, אלישבע? דו האסט דאך עפעס א גוטען זכרון.

א ל י ש ב ע: וואס נאך ווילסטו פון מיר? ווי דער תנא הייסט זאל איך וויסען?

נ ח מ ה: הייסט ער ניט בן יוסף?

א ל י ש ע: טאקע, יא. זעה איך דאך, אז מען ווייסט שוין דא פון דער גאנצער געשיכטע. האב איך דאך שוין ניט וואס צו פארקויפען, געה איך מיר ווייטער. (וויל לויפען)

א ל י ש ב ע: ווארט, דו היצקאפ, וואוהין לויפסטו?

א ל י ש ע: זעהן דעם תנא. מען זאגט אז ער קומט מיט פיער און צוואנציג טויזענד תלמידים

ר ח ל (נײדיש) מיט פיער און צוואנציג טויזענד תלמידים?, אט, ר״ נחום?

נ ח ו ם: מעגליך, איך האב אזוי אויך געהערט. (שטעהט אויף) ס׳ווערט שפעט און מען דארף שוין געהן. מקבל פנים זיין אזא גרויסען תנא איז ניט פון די קליינע מצות. וועט איהר מיטגעהן, קינדער?

ר ח ל: איך דארף אפילו אויך מיטגעהן, צוליעב דעם בריעף, אבער עס גלוסט זיך מיר עפעס ניט. אה, מיין הארץ קלאפט אזוי! (האנט צום הארצען).

נ ח מ ה (נעהמט אן די מוטער): קום דאך, ליעבע מוטער, ווי קענען מיר איצט אין הויז זיצען?

ר ח ל: מע געהן מיר.

רחל און נחמה נעהמען ר״ נחום׳ן. אלישע אלישבע׳ן. אלע אפ.

פ א ר ה א נ ג.

פ א ר וו א נ ד ל ו נ ג

א גאס ביים עק שטאָדט ירושלים. רעכטס א
פראָצעסיע פון בחורים מיט ספרי תורות אין
די הענט. דאָס פאָלק שטעהט פון ביידע זייטן.
אין פראָנט שטעהען כלבא שבוע, יסופוס,
ר' נחום, רחל, נחמה, אלישע, אלישבע.
לינקס, דורך א גרויסען טויער קומט אָן עקיבא
שטארק געעלטערט, געקליידט ווי א גרויסער תנא.
ער ווערט געפיהרט פון זיינע צוויי הויפט תלמידים
נאָך זיי א סך תלמידים, צי דריי אין א רייה.
מוזיק שפּיעלט. בחורים זינגען.

ת ל מ י ד י ם: ברוך הבא, בשם ד'.

נים ווים איינע פון די צווייטע בלייבט די

פראָצעסיע שטעהן אין מיטען. פויזע.

ר ח ל (ארויסטרעטענדיג פון פאָלק, זינגט): אך גאָט, איז דאָס ניט ער?

י ס ו פ ו ס (דערשראָקען) דאָס איז ער, אהן א קלעהר.

ר ח ל: אהן א קלעהר, דאָס איז ער! (פאַלט פאר עקיבא'ן)

ה ו י פ ט ת ל מ י ד י ם (הויבען זי אויף) אך, ווי פרעך! ווער

ביסטו, ווער?

ע ק י ב א (אפארט) יאָ, ווארטען טאר איך ניט מעהר.

ב י ד ע: וויל צו היים איז שוין מיין טרעהר.

א ל ע ת ל מ י ד י ם (איניגע ארויס פון די רייהען): אך, ווי פרעך,

ווער איז זי, ווער?

ע ק י ב א (דריקט זי צו זיין ברוסט)

זי איז מיין און איך שווער

אז שלי ושלכם שלה!

ה ו י פ ט ת ל מ י ד י ם: וואָס הערען מיר, יעצט דאָ?

א ל ע ת ל מ י ד י ם: דאָס צו הערען איז דאָך שעהן.

ר ח ל: יאָ, אייער תורה איז דאָך מיין. (פאַלט אין אונמאכט, עקיבא האלט זי)

ע ק י ב א: רחל!

ר ח ל (דערמונטערט זיך) עקיבא!

ע ק י ב א: רחל!

ר ח ל (טרויעריש) איז דאָס ניט קיין טרוים?

ע ק י ב א: ניט קיין טרוים, נאָר די ווירקליכקייט.

ר ח ל: (פיהרט צו נחמה'ן) און ווילסט ניט זעהן דיין קינד?

ע ק י ב א : דאָס איל איך דאָך גאַנץ פֿעטהינדר!

נ ח ט ה (נעהמט איהם ארום): אָט, פאַטער!

ע ק י ב א (גלעט זי) אָט, מאַכטער!

כ ל ב א ש ב ו ע ה (קומט נעהענטער) איל דאָך אויך בענטשען, מײַן קינד, אך, וי גליקליך בין איך אצינד.

נ ח ט ה (פיהרט צו רחל צו כלבא שבוע)

ר ח ל (אומארמט כלבא שבוע) אָט, פאַטער!

כ ל ב א ש ב ו ע (גלעט זי) אָט, מאַכטער!

א ל י ש ע (שטופט זיך צו) איל איך אויך זעהן אצינד.

א ל י ש ב ע (שלעפט איהם צוריק) פֿאַרמאַך שוין דײַן מויל, געשוינד.

א ל י ש ע (צײַגט אויף זיך) אוי, א פאַטער!

א ל י ש ב ע (מאַכט איהם נאָך) אוי, א מוטער!

ר ח ל (פיהרט צו נחום'ן) דײַן רבי פון אמאָל, עקיבא.

ע ק י ב א (אומארמט איהם): מײַן טײַערער „גם זו לטובה"!

נ ח ו ם (גלעט איהם) מײַן עקיבא!

ע ק י ב א (צו די תלמידים) מורי ורבי.

נ ח ט ה (פיהרט צו יסופוס): דערקען זשע דײַן פרײַנט פון אמאָל.

ע ק י ב א (איראָניש): װאָס האָט אײַך גערעטעט אַהן צאָהל.

י ס ו פ ו ס (איל איהם אומארמען): א פרײַנט פון לאנג.

ע ק י ב א (שטויסט איהם אָפ) א בײַזע שלאַנג.

יסופוס איל אנטלויפען, אלישע האלט איהם פעסט.

א ל י ש ע : לויף דאָך ניט, שטעה, דו פײַנט!

ע ק י ב ע : אלעזר, אהער מײַן פרײַנט!

רופט פון דער װײַט. אלעזר קומט פון די רײַהען ענטהילט.

א ל ע ז ר (צײַגט פאַפּיערען) : דאָ זײַנען די בריעף.

י ס ו פ ו ס (בײַז צו אלעזר'ן) איך בין באגראָבען טיעף! (לאָזט אראָפ דעם קאָפ).

ע ק י ב א (נעהמט די בריעף, צײַגט) די דאָזיגע בריעף מאַכען באקאַנט וי אזוי דער אינטריגאַנט

האט געפלאנט אונז צו שיידן,

מיט מיט רחל'ן, אונז ביידן.

א ל ע ז ר (נעהמט ארויס א בינטעל האאר, ציגט)

אויך אט דאס בינטעל האאר

וועט איך אלע מאכען קלאהר

דעם פארברעכען, זינד און שאנד

פון דעם פרעכען אינטריגאנט.

ר ח ל (באפט די האאר און באטראכט) : די האאר זיינען דאך מיינע, וואס

איך האב מיט 24 יאהר צוריק אויס נויט פארקויפט. ווי קומער זיי

צו דיר, אלעזר!

א ל ע ז ר : דער קויפער פון די דאזיגע האאר און דער וועלכער האט

מיט 24 יאהר צוריק ביי דיר אויפ'ן טיש א דאקומענט אונטערגע־

וואָרפען, איז ניט געווען קיין אנדערער, ווי אונזער באקאנטער

יטופוס.(קלאפט אויף יטופוס פלייצע)

א ל ע : אך, גאט!

י ט ו פ ו ס (קניהט פאר עקיבא'ן): פארצייה, גוטער עקיבא!

ע ק י ב א : איך האב דיר ניט וואס צו פארצייהען, ווייל מיט דיין שלעכטער

האנדלונג קעגען מיר האסטו מיך צום גוטען געטריבען און נאר דורך

דיר האב איך מיר אזא גרויס פארמעגען ערווארבען. (ציגט אויף די

תלמידים) זאל דיר נאר גאט פארצייהען, ווייל דו האסט פיעל געזינדיגט

קעגען זיין פאלק מיט דיין פארראט. האסט ניט מעהר צו טהאן אין ירושלים.

שטעה אויף און געה דיר אין דיין רוים!

י ט ו פ ו ס : אח, אלץ פארלארען! (שטעהט אויף, אפ רעכטס)

א ל ע : נידער מיט יטופוס!

ת ל מ י ד י ם : לעבען זאל אונזער רבי, עקיבא בן יוסף!

כ ל ב א ש ב ו ע (זינגט): דא הערט איהר אלע, הערט דאך הערט.

א ל ע : יא, מיר אלע הערען.

כ ל ב א ש ב ו ע : וואס איך האב מיר איצט באקלעהרט.

א ל ע : יא, מיר אלע הערען!

כ ל ב א ש ב ו ע : אז מיין נדר איז געשטערט.

א ל ע : ער האט גאר קײן װערט!

כ ל ב א ש ב ו ע ה (צו רחל׳ן) און אלץ װאָס איז מײן איז אויך דײן.

אומארמט זי. עקיבא און נחמה נעמען ארום
זײ בײדען.

א ל ע (זינגען) דאס איז דאך פײן, דאס איז דאך שעהן : (בים)

נ ח ו ם (קלאפט) גם זו לטובה, גם זו לטובה!

מוזיק שפּיעלט, אלע זינגען.

א ל ע : דאס איז דאך פײן, דאס איז דאך שעהן! (בים)

עקיבא, רחל, נחמה, כלבא שבוע, אלעזר
אלישע טאנצען אין א ראד.

פ אָ ר ה א נ ג